ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

## ספורים
## מתלמידי בעש"ט
## אידיש

**677**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# געקליבענע מעשיות
# פון
# תלמידי בעש"ט הק'

---

## מען דארף יענעם א טובה טאהן

דער הייליגער צדיק, דער מאגעלניצער רבי וועלכער איז גיוועזן איין אייניקל פון קוזניצער מגיד זצללה"ה, אין די יוגענד פלעגט ער פארען צום הייליגען אפטער רב קיין מעזיבוז. אמאל האט גיטראפען דאס ער האט פערבלאנדזעט ביי א נסיעה קיין מעזיביז. דאס איז גיוועזן דאנארשטיג ביי נאכט, און ער האט זיך גיכאפט אז עס איז שוין שפעט אנצויאגען אויף שבת צו זיין אין מעזיבוז, נאר ווען ער וואלט גיהאט א גוטע פוהר וואלט ער נאך יאה אנגויאגט, האט ער אין דעם שטעטל גיבעטן: אידען האט רחמנות אוף מיר און שאפט מיר א פוהר אז איך זאל נאך קענען קומען קיין מעזבוז אוף שבת און ער האט זיי דארט גלייכצייטיג גיזאגט אז ער איז א קוזיניצער אייניקל, הערנדיג

דאס, האבען איהם אידען גיוואלט א טובה טאהן. און מען האט זיך ארויס גילאזט זוכען אין שטעטל ווער פארט דאס קיין מעזבוז ער זאל מיט נעמען דעם אורח.

דער גרויסער גביר פון שטעטל, וואס איז גיוועזן א מיוחס, און האט גיהאט זיין אייגענע קאטש (ווי היינט א טאקסי). דער פארט במקרה אופן וועג קיין מעזיבוז, ווער האט א העזה איהם אנצופאדערן אזא זאך ?, ער זאל ווענען מיט נעמען צו זיך אין קאטש, אבער עס האבען זיך שון געפונען א זעלכע וועלכע האבען איהם דאס פארגישלאגען. ער האט נישט גיוואלט, אבער דערהערנדיג אז ער איז א קוזיניצער אייניקל, האט ער שון בדוחק מסכים גיווען ער זאל זיצען אין דער הייך ביי דעם בעל העגלה, אבער נישט אינערוויינינג און די קאטש, מען איז אף גיפארען א פאר שעה, דער אינגערמאן דער מאגלניצער רבי איז שיעור נישט פערפרוירען גיווארען, עס איז דאן גיוועזן א גרויסער פראסט, אין די קאטש אינערוויינינג איז גיוועזן ווארעם, דער האט שיעור נישט גיחאלישט פאר קעלט, אבער וואס קען ער דען טאהן ? נאך אפאר שעה אפפארען, האט זיך דער עושר גיכאפט אז דעם מאגעלניצער מוז אודאי שטארק קאלט זיין, האט ער גיהייסען אפשטעלן די קאטש אין גיפרעגט אינגערמאן ! עס איז דיר א ודאי קאלט קום אריין דא אינערוויינינג אין קאטש לעבן מיר וועסטו זיך דערווארעמען, אין דערצייל מיר עפיס פון דיין זיידען דער קוזיניצער מגיד. דער מאגעלניצער האט דאס זעהער גערן גיטאהן, ווייל ער איז שון האלב פארפרוירען גיוועזן, אבער ער זיצט שטיל אין דערציילט גארנישט פון קוזיניצער, האט דער עושר נאכאמאל איהם גיזאגט איך האב דאך דיר אריינגענומען זאלסט מיר עפעס דער-ציילען פון דיין זיידען דער קוזיניצער מגיד? נו דערצייל עפעס האט דער מאגעלניצער גיזאגט אז דער זיידע פלעגט זאגען אויף דעם פסוק וואס עס שטייט: שלח לחמך על פני המים כי ברוב הימים תמצאנו. ד"ה שיק דיין ברוט אויפ'ן וואסער, ווייל אין א צייט ארום וועסט דאס געפונען, דאס איז איין אויסדרוק אז מען דארף יענעם א טובה טאהן, ווארום אין א צייט ארום, קענסטו אמאל דארפען צו יענעם אנקומען, האט דער זיידע צו דעם צו גיגעבען אז דער שלח לחמך איז גיזאגט גיווארען אפילו אויף א גוי, דער עושר האט דאס גיהערט אין נישט פערשטאנען, אבער ביי זיך האט ער גיטראכט אוך א תורה, אז מען איז געקומען קיין מעזיבוז, איז דער מאגעלניצער אראפ קיין מעזיבוז אין גידאנקט דעם גביר, און דער עושר איז גיפארען ווייטער און א ווייטערע שטאט, אויפ'ן וועג ווי זיי זענען גיפארען איז גיוועזן א טיעף טייכעל וואס מען האט דארט גידארפען א דורך פאהרען, און ווי דער עושר איז צו געקומען צו דעם טייכעל, האט ער גיזעיען ווי א קאטש פון עפעס א שר, ליגט שון אין דעם וואסער איבערגיקערט, און מען ראנגעלט זיך מיט'ן טויט, האט זיך דער עושר דערמאנט אין די רייד פון מאגעלניצער. אז אפילו אויף א גוי גייט אוך אן דער פסוק שלח לחמך וגו'. האט ער גלייך גיכאפט זיינע 2 פערד פון קאטש. און צוגעבונדען צום שר'ס קאטש. און ער מיט זיין טרייבער (פוהרמאן) האבען צוזאמען מיט די פערד צוריק הינטען ארומער ארויסגיצויגען די קאטש פון וואסער. און אלע זענען גיראטעוועט אין ארויס בשלום, דער שר איז איהם גיפאלען צו די פוה'ס, און איהם געקושט און איהם שטארק גידאנקט, פאר וועלכען ער האט זיי

אלעמען גיראטיוועט, ער האט איהם גיוואלט גוט בעצאלען דערפאר, אבער דער עושר האט נישט גיוואלט נעמען קיין געלד, צו־זאגענדיג איהם איך בין גענוג רייך, און איך האב נאר גיטאהן די פלוכט פון א מענטש, אבער קיין געלד טאר מען דערפאר נישט נעמען, דער שר האט איהם גיבעטען זאגען דעם נאמען, און פון ווי ער איז, ער זאל זיך פאר נאטירען אין זיין טאגעס־בוך, זיי האבען זיך גיזעגענט און זיי זענען אוועק איינער פון צווייטען. און משך פון א צייט האט זיך גימאכט דאס דער עושר איז גיווארען ל״ע א יורד, ער איז ארום גיווארען און האט זיך נישט גיהאט פון וואס מפרנס צו זיין, פלעגט ער זיצען אין בית המדרש ווינטער ביי דעם אויווען מיט אלע בטלנים און בעטלער א. א. ז. וו. און דער שר דאגעגן איז אלע מאל גיגאנגען מיט ראנגעס העכער. ביז ער איז גיווארען דער גרעסטער שר־הצבא מיליטערישער האר. און א סאך יארען שפעטער האט גיטראפען דאס דער שר איז א דורך גיפארען דורך די שטאט, ווי דער עושר האט דארט גיוואינט, האט זיך דער שר בעטראכט. און די שטאט וואינט דאך דער מאן וועלכער האט מיך גיראטיוועט פון טויט. פאר וואס זאל איך איהם נישט אפגעבען א וויזיט ? האט ער דערפאר גילאזט קערעווען זיין קאטש אין שטאט, און האט זיך גענומען פרעגען אויף דעם עושר, אבער קיינער האט איהם נישט גידענקט, בנתיים האט זיך איינער אנגערופען אפשר מיינט ער דעם גיוועזענעם עושר ? האט מען איהם אריינגיוויזען צו איהם, און גיזאגט איהם אז אמאל איז ער טאקי גיוועזן דער גרעסטער עושר, אבער היינט האט ער נישט אפילו קיין ברוט, ווי דער שר האט איהם גיזעהן, האט ער איהם גלייך דער־קענט און פרעגט איהם די דערקענסט מיך ? און דער גביר ענטפערט איהם ניין ! האט איהם דער שר דערמאנט די גאנצע געשיכטע, ביז קאם קאם ער האט זיך דערמאנט. האט איהם דער שר גיפרעגט אין וואס טיסטו היינט ? ווי גייט עס דיר. האט איהם דער עושר דערציילט אוף זיין גאנצע געשיכטע. דאס ער איז בנתיים גיווארען אזא יורד, אז ער איז א מחוסר לחם א. א. ז. וו.

ווי דער שר האט דאס גיהערט, רופט ער זיך אן הער זיך צו אדוני. זיי נישט ביי זיך אזוי גיפאלען, עס טרעפט זעיער אפט אז מען פאלט, אבער מען מוז זיך שטארקען, און ג״ט וועט הלעפען, דער שר זאגט צו איהם הער זיך צו, איך בין היינט דער שר הצבא, און נאך אין אקליין שטיקעלע צייט וועט מען ארוס שטעלען איין אפערטע, אוף צו צונעמען א קבלן וואס זאל צו שטעלען אלע בעדערפעגישען פון די מיליטער. צו די רעגירונג אמאל האט מען דאס גערופען א פאדרייציק, מען דארף אבער האבען דער צו א גרויסע סכום (קאלציע) רופט מען דאס. און איך זע דאך אז די האסט נישט. אבער עס מאכט נישט אויס, די שיק נאר אריין די אפערטע און איך וועל זיין דער ממונה אוף דערויף, וועל איך ביילעגען אוף 25 טוזענט רובל א ציעק אין דיין נאמען, און איך וועל קיין אנדערן נישט בעשטעטיגען נאר דיר. און נאכהער וועסטו שון זיין זיכער מיט פרנסה בריוח ובכבוד, און דערווייל האט ער איהם איבערגילאזט אוף צו לעבן ביז דאס וועט בעשטעטיגט ווערן א צ׳יעק פון 50 רובעל.

דעם עושר׳ס אפערטע איז טאקי בעשטעטיגט גיווארען דורכן שר הצבא, ווי ער האט איהם דאס פערשפראכען, טראץ דעם

וואס עס איז גיוועז פיעל אנדער אפערטעס מיט בעסערע בעדינגונגען לטובת די רעגירונג און דער עושר איז גיווארען דער גאנצער צושטעלער מיט אלעם צו די צבא, און עס האט נישט לאנג גידויערט איז דער עושר גיוועז צוריק אזא עושר ווי בעפאר און אפשר נאך א גרעסערער, ער האט זיך נישט גיקענט אליין קיין עצה געבן, האט דער עושר נאך צוגענומען צו זיך א שותף, וועלכער מען האט איהם גערופען מאיר שכנא און ער האט גיוואינט אין ווארשא.

א מאל ווען דער עושר איז גיוועז אין ווארשא ביי זיין שותף (וועלכער איז גיוועז א מאגעלניצער חסיד,) און זיי האבען געשמיסט וועגען פערשידענע ענינים וועלכעס מען האט גידארפען אוף גיך ערלעדיגען, זאגט צווישען אנדערע דער מאיר שכנא, אז יעצט האט ער נישט קיין צייט, ווייל ער פארט צו זיין רבין אוף שבת, פרעגט זיך דער עושר ווער איז דאס דיין רבי ? וואס די פארסט צו איהם, זאגט ער איהם ער איז דעם קאזיניצער מגיד׳ס איין אייניקל, דערהערנדיג דעם קאזיניצער מגיד׳ס איין אייניקל, האט ער זיך דערמאנט אין דעם אינגערמאן, וועלכען ער האט מיסגענומען א מאל אויף די פוהר, און דער האט איהם גיזאגט דעם שלח לחמך און צולייגענדיג אפילו א גוי, און א דאנק דעם, שטייט ער צוריק היינט אלס נגיד, איז ער אויפגעשפרונגען פרעגענדיג איז נישט א מאל דיין רבי דער און דער אינגערמאן? איך פאר אויך מיט דיר מוט אויף שבת, זאגט דער עושר צו זיין שותף מאיר שכנא, ווי זיי זענען געקומען קיין מאגעלניצא, האט גלייך דער עושר דערקענט אז דער רבי איז טאקי יענער אינגערמאן וואס האט איהם גענומען אין די קאטש, און וואס ער האט איהם גיזאגט דעם שלח לחמך און צולייגענדיג דעם ביאור אז אפילו א גוי, האט דער עושר גיפרעגט דעם רבין, רבי ! איהר דערקענט מיך ? האט דער רבי גיענטפערט א ודאי קען איך דיר, זיי וויסען ווען די וואלסט מיך דאן נאך א ביסעל גיוועסט לאזען זיצען ביי דעם בעל עגלה אוף דעם פראסט און קעלט און די וואלסט מיך נישט אריינגענומען אין קאטש וואלסטו שון קיין תיקון נישט גיהאט, נאר צוליב די פאר שעה וואס די האסט מיך גילאסט זיצען אזוי אין די קעלט, איז אויף דיר נגזר גיווארען 2 יאהר עניות פאר יעדע שעה א יאר און דיא האסט נאך גענוג הצלחה גיהאט אז די האסט זיך בעצייטענס גיכאפט, און האסט מיך אריינגענומען צו זיך אין קאטש און מיך עטוואס דערווארעמט, און דאס שטייט דיר היינט ביי, און די וועסט מצליח זיין, דער איז גיווארען א גאר גרויסער עושר, און אויך פון די שיינע מאגעלניצער חסידים.

# נישט געאיילט

אין סטאנסילאב איז אמאל געווען רב, הרב ר׳ ארי׳ לייביש אויערבוך, דארט איז געווען איינער מיט׳ן נאמען ר׳ נחום ראזנצווייג ראש הקהל. ער האט געקענט גאנץ פיין לערנען, און איז געווען איין איש נכבד, אבער א שטיקעל קפדן. ער איז אויך געווען א שיינער נגיד, ער האט געהאט קנאה אויף דעם רב. ער האט אלע מאל געמיינט דאס ער קען אויך אזויפיל לערנען ווי דער רב, אין איז אויך אזא צדיק ווי דער רב א. א. ז. דער עיקר פלעגט איהם אלע מאל פערדרוסען, פארוואס דער רב דאווינט שפעט, און נישט ותיקין מיט׳ן „נץ״. דאן פלעגט זיין דער מנהג, אז דער שמש פלעגט קומען רופען דעם רב צום דאווינען, האט דער ראש הקהל אנגעזאגט דעם שמש, אז ער זאל נישט גיין רופען דעם רב צום דאווינען ווי זיין געוואנהייט איז אלע מאל. און ער האט פעראָרדענט אז מען זאל דאווינען

אהן דעם רב, מען זאל נישט ווארטען אויפן רב.

דער רב האט גיזעיען אז עס איז שון געקומען די צייט וואס דער שמש האט איהם גידארפען קומען רופען צום מנין אין ער איז נישט געקומען, איז ער אליין אוועק אין שוהל דאווינען, ער איז אבער אנגעקומען שון נאך דעם לייענען. דא איז שבת קיין צוויט מנין ווי יעצט צו גיין איז נישטא, האט דער רב צוגערופען דעם שמש, און האט איהם גיפרעגט פארוואס איז ער איהם נישט געקומען רופען צו דעם דאווינען און האט איהם אראפ־גילאזט 2 פעטש, אבער באלד האט דער רב זיך גיכאפט, וואס האט ער דא גיטאהן, פאר וואס האב איך איהם גיגעבען 2 פעטש און איהם אזוי מבייש גיוועזן. ער האט שטארק חרטה גיהאט, און איז גלייך צוגעלאפען צום שמש, אין איהם גיבעטען ער זאל איהם צוריק אפגעבען 2 פעטש, און ער זאל איהם מוחל זיין, חלילה! ענטפערט דער שמש, איך וועל גיבען דעם רב פעטש ? איך בין אייך אזוי אויך מוחל. האט דער שמש גיענטפערט. אבער דער רב בעט איהם, איך קען נישט רוהען, ביז די וועסט מיר צוריק געבען 2 פעטש, וועל איך דאן וויסען אז איך בין אפגעקומען, אבער אזוי גלויב איך מיר נישט צו אז די ביסט מיר מוחל, דער שמש וויל נישט פאטשען דעם רב, אבער דער רב האט בעפעלעריש גיזאגט צו דעם שמש, איך בין אויף דיר גוזר זאלסט מיר געבען 2 פעטש, אבער דער שמש ענטפערט אזא גזירה וויל ער נישט ערפילען און ער וויל נישט מקיים זיין, און איז אוועק פון רב, דער רב האט שון דעם שבת גידאווינט ביחידות ביי זיך אין שטוב, און מוצאי שבת האט זיך דער רב אנגיטאהן אין בעטלערישע מלבושים, און גענומען א שטעקען מיט א טארבע, און האט אויף זיך גענומען צו ליידען גלות א גאנץ יאר צייט, צוליב דעם וואס ער האט גישלאגען דעם שמש, דאס גאנצע יאהר האט ער זיך נישט אפגישוירעכט, און אלע 6 וואכען האט ער איבער־גיטאהן א העמד, אין שטאט איז גיווארען א גאנצער רעש, מען האט נישט געוווסט פלוצלינג ווי דער רב איז ריערפאלען גיווארען ווייל ער האט פון זיין גלות ליידען פאר קיינעם נישט ענטפלעקט, דער ראש הקהל האט דער ווייל אויסגענוצט דאס גילעגענהייט, און האט פערטרעטען דעם פלאץ פון רב, און ער איז גיווארן . רב, און האט גיפסקענט שאלות, אין מען האט איהם אפגיגעבען דעם זעלבען כבוד וואס דעם רב, דער שמש איז איהם געקומען רופען צום דאווינען, מען האט אויף איהם גיווארט מיט שמונה עשרה, ער האט בעקומען שישי א. א. ז. וו.

ווען דאס יאהר האט זיך גיענדיגט איז דער רב צוריק געקומען אין שטעטל, דאס איז גיוועזן אין א פרייטיג. איז ער געקומען בעוואקסען פיעל מיט האר און אין בעטלערישע מלבושים. צוריסענע שיך. פארקאפציעט קיינער האט איהם נישט דערקענט. פרייטיג צונאכט איז ער גישטאנען ביי די טיהר ווי אלע אורחים. נאכן דאווינען האט מען צוטיילט די אורחים יעדען ווי ער זאל עסען. איז פונקט דעם רב אויסגעקומען ער זאל עסען ביים ראש הקהל. נאכ'ן עסען האט דער רב גיבעטען ביי דעם ראש הקהל, ער האט נישט וויא צו שלאפען, אפשר קען ער ביי איהם שלאפען ? האט דער ראש הקהל איהם ערלויבט, ער איז אפגישלאפען ביז ארום 2 ביינאכט, איז ער אראף אין די שטיל קיינער זאל נישט הערן, אין האט זיך אפגיגאסען נעגל־וואסער, און איז צוריק אויפען גילעגער, און שטילערהייט האט ער גאנץ גישמאק

ליגענדיק אופ׳ן גילעגער גילערנט, ווען עס איז שון שייגער טאג גיווען, איז אריין דער שמש רופען דעם ראש הקהל צום דאווינען, און ער האט גיזעיען דעם אורח ליגען אופ׳ן גילעגער, אין דער רב האט זיך גימאכט שלאפען ,האט דער שמש גענומען די זילבערנע לייכטער פון טיש אראף אינטער זיינע פאלעס, און איז מיט זיי אוועק צו זיך אין שטוב, אין זיי פאבהאלטען, און איז באלד צוריק געקומען רופען דעם ראש הקהל צום דאווינען.

דער רב האט זיך דאס אלץ צוגעקוקט, דער ראש הקהל איז שון בנתיים אויפגישטאנען און דערזעיען אז די לייכטער זענען נישטא, האט ער גימאכט א ליארם, ווער האט גיקענט די לייכטער גנבענען ? האט זיך דער שמש אנגערופען דער ראש הקהל דארף נישט פיעל קלערען ווער עס האט זיי צוגיגאנבעט, א תאי דער שלעפער דער אורח וואס שלאפט דא ער איז דער גנב, אין דער שמש טאקי הידענדיג די אלע רייד, איז גלייך צו צום רב צום גילעגער, אין איהם גלייך גיזאגט גנב ! גיב אף די לייכטער, אין האט איהם אראפגילאזט א קלינגענדיגען פאטש, און נאכהער אויך א צוויטען פאסש, ער האט אויך גיוואלט געבען א דריטען פאטש, האט דער רב הויך א גישריי גיטאהן, און איהם גיזאגט גיב נישט מעהר ! ווייל איך האב דיר אויך נישט מעהר גיגעבן ווי 2 פעטש, איך וויל נישט קיין פראצענט . . . נאר גנב גיב שון אף די לייכטער, וואס די האסט נאר מיט 10 מינוט צוריק זיי גיגאנבעט, אונטערן פאלע. וואס די ביסט כלומרשט בעפאר געקומען רופען דעם ראש הקהל צום דאווינען, אין געה גיך צו מיין רביצין, און זאג איהר די בשורה אז דער רב איז שון צוריק געקומען.

פיעל לערנט אינץ די געשיכטע, אז א איד דארף נישט זיין קיין פחז כמים, צופיעל היציג אוף נישט גוטע זאכען, ובפרט וואס גרעסער דער מענטש איז דארף ער אודאי זיין אויס־גירעכנט, און נישט צו גיך אפצוטאהן א זאך אז נאכהער זאל ער דארפען חרטה האבען. מען קען נאך לערנען, אז דער רבש״ע איז שון מסבב, אז די ערליכע אידען קומען גלייך אף אויף דער וועלט, לא יאונה לצדיק כל רע. אין די פשוטע נידריגע מענטשען ווייזט זיך באלד ארויס זייער מהות. פאר אלע.

## ר׳ מאיר׳ל פרעמישלאנער זצלל״ה

אין ארץ ישראל האט זיך געפונען איין איש מכובד א גרוסער בן תורה, יומם ולילה האט ער עוסק גיווען בהורה, אין ער איז גיווען איין איש אביון, אויף טרוקען ברוט האט ער ל״ע נישט גיהאט. ער האט גיהאט 3 טעכטער אין 2 זוהן, די צייט לופט און ער האט שון גידארפען א שידוך טאהן לכל הפחות מיט 2 טעכטער, אבער קיין פרוטה איז נישטא. זיין פרוי האט איהם אפט גיפייניגט וואס וועט זיין דער תכלית ? איין מאהל האט זי זיך צו איהם גיוואנדען הער זיך צו מיין טייערער מאן ! עס הערט זיך אויף דער וועלט איז דא שפע, פאר ארויס אביסעל קיין חוץ לארץ, מען וועט זעיען אז די ביסט

א גרויסער בן תורה. ווען מען דיר צונאנד מאכען א ביסעל געלד, מען זאל האבען אונזערע קינדער חתונה צומאכען, נישט האבענדיג קיין עצה האט ער גיהערט די פרויס פארשלאג, הגם עס איז איהם זעיער לייד גיוועז אויף דעם ביטול תורה. און דעם אוועק פארען פון ארץ ישראל, אבער מחמת דוחק האט ער דאס אויך בעשלאסען צו טאהן. ער איז צו צו די מזוזה ארויף גילייגט זיין כשרע האנד און זיך גיוואלדיג צוויינט און גישווארען ביי די מזוזה אז מעהר ווי א האלב יאהר וועט ער נישט פערברענגען אין חו"ל יהי' מה שיהיה, ער האט זיך גיזעגנט מיט די שטוב, און איז אוועק מיט א שווערע לאסט שיף, כדי עס זאל איהם קאסטען ביליג, נאך א גרויסע טרחה האט ער זיך קאם דער־שלעפט קיין סאדיגורע, ער האט אוך ביי זיך פעסט בעשלאסען נישט זיך צו בענוצען מיט די תורה, אין אוך פאר קיינעם נישט צו דערציילען (אויסער פאר יהידי סגולה) אז ער איז איין ארץ ישראל איד, ער איז אריין צום סאדיגורער רבין. און האט זיך גיקלאגט אויף זיין לאגע דאס ער דארף חתונה מאכען 2 טעכטער, האט דער סאדיגורער רבי איהם גיגעבען 6 רענדליך ער האט איהם אויך רעקאמאנדירט צו זיין מחותן הרב הצדיק ר' דאדקיא, וואס די וועלט האט איהם אין זיינער צייטען גיהאלטען אויך פאר דעם וועלט'ס חכם. און דער האט איהם אויך גיגעבען 6 רענדליך (עס איז גיוועז דאן א שיינער סכום) און דער האט איהם גיהייסען פארען צו ר' מאירל פרעמישלאנער. דער ארץ ישראל איד איז גלייך פון דארט גיפאהרען טאקי קיין פרעמישלאן. און האט גיוואלט אריינגיין צו ר' מאירלען זיך פערקלאגען אויף זיין לאגע, און אויך פון איהם בעטען א ברכה מיט איין עצה, אבער דער משמש האט זעיער נישט מקרב גיוועז אזא איינעם. וואס האט איהם נישט אריינגערוקט א פיינע מטבע, און היות ווי דער ארץ ישראל איד האט דאך איהם נישט גיהאט צו געבען, האט ער איהם טאקי נישט אריינגיגלאזט צום רבין אפילו שלום נעמען. ער האט זיך דארט אנגעפלאגט 3 טאג, און ער האט נישט גיקענט אריין צום רבין ער האט דערפאר פארברענגט זיינע טעג אין בית המדרש, ער איז גיזיצען אין א ווינקעלע, עטליכע שעה גידאווינט, און די רעשטע טאג גילערנט, דאס אלעס האט דארט אבסערווירט א שניידער איין ארום מאן, ער האט גימערקט דאס דער אורח קוקט אויס צו זיין איין אדם גדול, אפערבארגענער איד, איז ער צו איהם צוגיגאנגען און איהם גיגעבען שלום און איהם גיפרעגט צו ער האט ווי צו איינשטיין, דער אורח האט א וודאי גיענטפערט אז ניין, האט ער איהם אהיים גיבעטען צו זיך, און איהם גיזאגט דאס ביי איהם קען ער זיין אומגישטערט ווי לאנג ער וויל, און אויך שבת וועט ער פאר איהם מאכען, און ער וועט זיך פיהלען ווי ביי זיך אינדערהיים דער אורח האט אויפגיהויבען די הענד צום הימעל און גידאנקט דעם רבש"ע, אבי ער איז נישט הפקר ער האט א פלאץ אומגישטערט ווי צו זיין און עסען, און ער איז דערפאר זיך צוריק אין ביהמ"ד, אין גענומען דערוויל לערנען בהתמדה. דאס איז גיוועז מיטוואך. פאר סעודות און צרכי שבת האט דער שניידער מיט די פרוי זיך בעמיהט איינצוארדענען ערשטקלאסיג, דער שניידער האט נאך גימאכט פאר עטליכע אידען א קידוש. אז דער אורח זאל זיך גוט פיהלען. אין דער אורח האט גיזאגט תורה אין אלע זעגען גיגאנגען אין עולמות אין

דער שניידער מיט זיין פרוי האבען א גאנצען שבת גיוויינט פאר שמחה און גילויבט דעם אייבירשטען וואס האט זיי מזכה גיוועזן מיט אזא הייליגען אורח, ווייל זיי האבען גיזעיען דאס א גאנצען שבת איז גיוועזן פומיה לא פסיק מגירסא ד. ה. זיין מויל האט זיך נישט פערמאכט פון תורה

זונטיג באלד פריה האט ר׳ מאיר׳ל אריינגערופען זיין משמש, און איהם מיט א בעפעלערישען טאן גיזאגט, הער זיך צו ! א גאנצען שבת האב איך דא מרגיש גיוועזן קדושת ארץ ישראל, עס איז נישט אנדערש נאר דא אין בית המדרש האט גידאווינט אין געלערנט עפעס א גדול פון ארץ ישראל, וויל איך האבען אז היינטיגען טאג זאלסטו איהם צו מיר ברענגען, אז נישט וועל איך פון דיר מאכען א הויפען מיט ביינער.

דאס ערשטע מאל וואס דער משמש האט א זעלכע ווערטער פון ר׳ מאיר׳ל׳ס הייליגע מויל גיהערט, ער האט זיך באלד גיכאפט אז נישט אנדערש, נאר ר׳ מאיר׳ל מיינט דעם איד וואס ער האט איהם נישט גיוואלט ארייגלאזען צו ר׳ מאיר׳ל, און דערפאר איז ר׳ מאיר׳ל אזוי אויף איהם אין כעס, אבער ווי קען ער איהם איצט טרעפען ? און אז ער גיפונט זיך ביי יענעם שניידער איז איהם אפילו אמאהל נישט איינגיפאלען.

דער משמש האט זיך ארויסגילאזט אין שטאט זוכען, ער האט אויך נישט אפילו געוויסט צו דער איד איז פון ארץ ישראל, ווייל ער האט פאר קיינעם נישט דערציילט. אפילו דער שנייער האט אויך נישט דאס געוויסט. איבער 3 שעה האט ער זיך ארומ־גידרייט אין שטעטל און ביי אלעמין זיך גיפרעגט, ביז ענליך עס איז איהם געלונגען צו דערוויסען זיך אז ער געפונט זיך ביי דעם שניידער. ווי ער איז אריין צו דעם שניידער האט ער גיטראפען דעם איד, און האט איהם גלייך דערקענט. און ער דערציילט איהם קומט, דער רבי רופט אייך, איהר זענט פון ארץ ישראל ? אין תחלת האט ער איהם נישט גיוואלט זאגען, נאר אז ער האט גיהערט אז ער רעדט אין נאמען פון רבין. האט ער דאך נישט גיהאט קיין עצה. האט ער גיזאגט אז יאה. נו האט ער איהם אוועק גיפיהרט צו ר׳ מאירלען

ר׳ מאיר׳ל האט איהם גיגעבען שלום. און נאך איידער דער אורח האט גיוואלט זאגען זיין בקשה, האט איהם שון ר׳ מאירל אלץ גיזאגט פאראויס מיט רוח הקודש. איך וויים אלעס, עס איז טאקי א שאדט דיין תורה ביטול תורה איז די גרעסטע עבירה, איך האב דאס נאך גיזעיען מיט 24 יאהר צוריק. (אזוי אלט איז טאקי זיין עלצטע טאכטער גיוועזן) האט מאיר גילאזט מאכען א גרויסע בוקסע, אין אלע טאג האב איך דארט אריינגיווארפען צוביסליך געלד, און האט בעפוילען דעם משמש אראף צונעמען פונ׳ם בעהאלטענעם ארט א פושקע א גרוסע. וועלכע איז גיוועזן פיעל גיפאקט מיט געלד, ר׳ מאירל האט איבערגיציילט איז דארט גיוועזן איבער 6 הונדערט גאלדענע רענדלעך, פיעל זענען גיוועזן שון פערראסטעט פון אזוי לאנג ליגענדיג ר׳ מאירל האט שמיכלדיג אזוי גיזאגט צום אורח איך מיין אז פאר די 2 קינדער חתונה מאכען וועסטו שון האבען פון די 600 רענדליך. יעצט האט איהם ר׳ מאירל צוגיגעבען טאשען געלד. ער זאל האבען בריוח הוצאות. אין אויף אפאר יאהר פרנסה בכבוד, דיין תורה פאדערט זיך אין הימעל, עס וואלט כדאי גיוועזן אין די נאנסטע טעג זאלסטו אהיים פאהרען. די שמחה פון דעם

ארץ ישראל איד איז גיווען אין לשער. דער אורח האט גיזאגט ביים גיזעגענען זיך. רבי ! נאך גרעסער איז מיין שמחה, זעיענדיג אייערע אפענע רוח הקודש. אז נאך מיט 24 יאהר צוריק האט איהר שון גיזעהן וואס היינט ועט זיין. און עס איז אייך שון דאן א שאדט גיווען דער ביטול תורה פון היינט. דער גאנצער ענין האט זיך בליץ שנעל פערשפרייט אין שטעטל. און עס האבען זיך נאך עטליכע גבאי צדקה ארוסגעלאזט איבערן שטאט מען האט דעם אורח נישט גילאזט אוועק. נאר ער איז געזיצען איבער די וואך אין פעסט גילעגט ביי ר׳ מאירל אין בית המדרש. און אויף שבת האט דער אורח שון גיהאט גאנצע טוזענד גולדענע רענדליך. אויך אויף חתונה צו מאכען די דריטע טאכטער.

דער אורח האט בכבוד חתונה גימאכט זיינע אלע טעכטער. אין פון די קליינע איבער־געבליבענע געלדער. האט זיין פרוי זיך גימאכט א קליין מסחר׳ל אבער מיט גרוסע הצלחה, וואס ער האט נאך אלע מאל א צווייטען געליהען א גמילת חסד. אין ער איז טאג מיט נאכט געזיצען אין עוסק גיווען אין תורה. און גיזעהען פון זיינע אלע קינדער בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות.

## צדקה אין יושר

צו ר׳ וועלוועלע זבעריזער זצלל״ה פלעגט בעזונדער׳ס קומען אויף פורים א גרויסע עולם צום טיש. און מען פלעגט ביי איהם אויסנאמליך מאכען א גרויסע סעודה. וועלכעס פלעגט זיך ציהען ביז נאך האלבע נאכט. אמאל האט גיטראפען, נאך אזא סעודה ווי מען האט אריינגיברענגט די אלע כלים צום וואשען. האט די דינסט מיידעל (עוזרת) אויף גיהויבען צום וואשען א גאנצען הויפען טעלערס. און אלע טעלערס האבען זיך איהר פון האנד ארויס געגליטשט. און אראפ גיפאלען נאך אויף פיעל אנדערע טעלערס. און אלע טעלערס זענען צובראכען גיווארען. עס איז גיווען א שאדען פאר א סאך געלד, דאן האט זיך די רביצין צושריגען אויף איהר. און איהר גילאדענט צום רב פון די שטאט אויף א דין תורה. זי וויל האבען אז די דינסט זאל איהר בעצאלען פאר דעם שאדען, וואס האט אנגיטראפען אמאליגע צייטען מיין ווי 20 רוביל, און די רביצין טוהט זיך אן און וויל גיין צום רב דאן זאגט ר׳ וועלוועלע צו די רביצין איך גיי אויך מיט צו דעם רב צו די דין תורה, זאגט צו איהם זיין רביצין ניין. די גייא נישט עס איז נישט פאסיג פאר דיר זאלסט זיך אויך אריינמישען אין מאהנען פאר דעם שאדען, איך וועל זיך מיין שטעטל אליין בעשטיין. ניין זאגט ר׳ וועלוועלע די האסט א טעות, די מיינסט אז איך גיי טעהנען פאר דיר ? די ווערסט זיך אליין טענהען פאר דיר, אבער די ארימע מיידעל קען דאך נישט טענהען, און זי איז דאך א יתומה, און פאר א יתומה איז זיך דאך א מצוה אנצונעמען, וועל איך טעהנען פאר איהר. פערשטייט זיך אז די דין תורה. האט שון ר׳ וועלוועלע אליין גיפסקענט. אין דער פסק דין איז ארויס, אז די יתומה דאס דינסט־מיידעל קומט בעזינדער א פרס פאר די פורימדיגע ארבייט. אז זי האט אזוי שווער גידארפען ארבייטען אין א זעלכע משאות טראגען, אז עס איז איהר נעבעך שון פון האנד ארויס גיפאלען. און זי האט טאקי פאר חודש אדר און ניסן בעקומען צו דאפעלע פענסיע.

# משלוח מנות

## הרב הרשקוביץ

א דארפסמאן פון לעבען קוניץ, איז אמאל געקומען צום קוזיניצער מגיד אין פורים הערן לייענען די מגילה, ווייל ביי זיי אין דארף איז קיין מנין נישט גיוועו. דער קוזיניצער מגיד זעלבסט האט גילייענט די מגילה. דער דארפס איד איז ארויס פון די כלים, ער האט נאך אזא לייענען נישט גיהערט. נאכ'ן דאוויגען איז ער אזוי גישטאנען און גיטראכט. רבש"ע!

ווען די וואלסט מיר גיגעבען א ביסעל געלד, וואלט איך דאך יעצט גיהאט א געלעגענהייט דעם צדיק צו שיקען משלח מנות, און וואס קען איך דען נעבעך טאהן אז איך האב אפילו נישט אויף קיין ברויט צו קויפען פאר די קינדער און ווי ער איז אזוי פערטראכט, איז צו איהם צו דער קוזיניצער מגיד, און גיט איהם שלום, און פרעגט איהם פארוואס האסטו

מיר נישט גיברענגט קיין משלח מנות ?.
דער איד האט שיעור ארויס גיוויינט, זאגט דער מגיד צו איהם ר׳ איד! היינט איז פורים, קומט אריין וועט איהר טאהן א טרינק וויין, און ער האט איהם צוזאמען מיט די גאנצע חבריא קדושה, אריינגענומען און ער האט געטרונקען איין כוס נאכען אנדער און פיין פערביסען, פון גרויס שמחה וואס ער האט זוכה גיוועזן מיט די חבריא קדושה צו טרינקען צוזאמען מיט׳ן הייליגען קוזיניצער מגיד, האט ער זיך בערעכנט און איז נאכהער אריין אין א וויין גישעפט, און געזאגט צו דעם סוחר, איך בעט אייך ר׳ איד! איך דארף צוהאבען א גוטע פלאש וויין, אבער איך האב יעצט נישט קיין געלד, איך וועל אייך אי״ה א מאל אפגעבען און אויב אז נישט, היינט איז דאך פורים, טא גיט מיר משלח מנות די פלאש וויין, זעיער גערן האט איהם דער וויין סוחר גיגעבען נאכהער איז ער אריין אין א גישעפט פון לעקעך, און האט גיבעטען עטליכע עוגות און גיזאגט איך וועל אייך א מאל בעצאלען, און אויב נישט גיט עס מיר פאר משלח מנות עס איז דאך היינט פורים און יענער האט איהם אנט־קייגען גיטראגען, עס איז דאך טאקי פורים, און ווער געט דען נישט פורים, נאכהער איז ער אריין אין א פרוכט־גישעפט און גיבעטען אפאר עפל, מיטן זעלבען נוסח און מען האט איהם גערן גיגעבען אזוי ערנאך האט ער צונאנד גישטעלט א הערליכען משלוח מנות. און אריין גיטראגען צום מגיד, און דער מגיד האט זעיער הנאה גיהאט דוקא פון דעם משלוח מנות. און דער מגיד האט איהם גיבענטשט און דער דארפס־איד איז אוועק א גליקליכער.

א היימגייענדיג, דערמאנט זיך דער איד אין מיט וואס גיי איך אהיים צו מיין פרוי און קינדער איך האב דאך נישט אפילו א ברייטעל ? האט ער זיך מיישב גיוועזן, אין איז ווייטער אריין אין א מכולת און גיבעטען א ברייטעל, און גיזאגט אז ער וועט אמאל בעצאהלען, און אויב אז נישט איז דאך היינט פורים זעיער גערן האט איהם דער מכולתניק גיגעבען 2 ברויט און א צווייט מכולת האט ער אזוי גיבעטען א הערינג, און ער איז א דורכגיגאנגען פאר א וויין פאבריקעל, איז ער אריין און גיזאגט דעם זעלבען נוסח, האט איהם יענער גיגעבען א גאנץ רוטעלדיגע פלאש וויין, הקיצור ער איז אהיים א לעבעדיגער אנגי׳קלאפט מיט א זמר אין די טיהר, די פרוי האט איהם גיעפנט, און מען האט געשניטען מויצקעס, און צוגיגעסען הערינג אין צו האלבע גלעזער וויין פערטרונקען, זיי האבען אלע גיעפנט די אויגען, און נאכהער האט מען גענומען טאנצען איבער א שעה שרייענדיג לעבעדיג ! עס איז דאך פורים היינט, לעבעדיג ! גיטאנצט זאל ווערן, אינמיטען טאנצען האט מען גענומען קלאפען אין די טיהר, האבען זיי מורא גיהאט צו עפענען, זיי האבען גיטראכט א וודאי פון זייער זינגען אין טאנצען, קומען יעצט די ערלים אפלאכען, אבער מען האט גיטראסקעט אין די טיהר, איז אינזער דארפישער איד שון צוגיגאנגען און גיעפענט די טיהר איז אריינ־געקומען א צוקלאפטער אין צובייילטער גוי און האט שטארק גיקלאגט און דערציילט ער האט א בן יחיד האט ער זיך מיט איהם צור־קריגט, האט איהם דער זוהן אזוי צובייילט, אז ער פיהלט דאס ער גייס שון שטארבען, און בעהט זיך מען זאל איהם באנדאזירען די וואונדען.

דער איד האט זיך מיט איהם באלד מטפל גיוועזן, ער האט איהם ארום גיוואשען האט ער אין איהם טאקי געפונען טיעפע לעכער, אין וואונדען, מען דארף אומבעדינגט רופען

א דאקטאר זאגט דער איד צו דעם גוי און מען מוז פארען נאך קוזניץ און דא האב איך נישט איין פרוטה. דער גוי עפענט דעם טאש און דערלאנגט דעם אידען איך האב דא ביי זיך 30 גילדענע רענדליך, נא דיר דערווייל וועסט האבען אויך פארשיידענע הוצאות איך וועל דיר נאך איבערלאזען א פערמעג, א קרענק מיט ווייטאג מיין זוהן, זאגט דער גוי צו דעם דארפס איד מיט א פויערישע שטימע דער אידעל האט געעפנט די אויגען, ער האט איהם געוויל עס איז ארום גיוואשען, און דער עיקר איהם גיגעבען א כוס 95ער בראנפען און א 2 כוסות גוטען וויין, און דער איז אוועק נאך קוזניץ ברענגען א דאקטאר.

אין א פאר שעה ארום, איז דער דאקטאר געקומען, ער בעטראכט איהם די וואונדען פרעגט ער זיך בעוואונדערט אין איהם דאס געקומען איז דער גוי און אויך דער איד דערציילט די גאנצע מעשה דער דאקטאר איז געווען א גוי א רשע, האט ער דאס צובאנד געשטעלט א גאנצען ראפארט און דאס איבערגעגעבען צו די רעגירונג נאך אין זעלבען טאג איז פאליציי געקומען און האבען ארעסטירט דעם זוהן. דער דאקטאר האט געגעבען שוואכע האפנונג, גרוס מזל דארף ער האבען ער זאל זיך ארויסדרייען, ער וועט א ודאי שטארבען, דער איד האט איהם געמאכט ביי זיך א מיין לעגער, ער זאל דארט ליגען ער האט איהם צוגעלייגט די רפואות, און איבערמארגען'ס האט זיך דעם פויער אויסגעדראבען אז עס איז איהם פיעל בעסער. האט ער צו זיך צוגערופען דעם דארפס איד, און צו איהם גיזאגט, הער זיך צו מיינע אלע יאהרען האב איך גוט פערדינט, האב איך שטענדיג אויסגעביטען די געלדער אויף גילדענע רענדליך. און איך האב א טיעפען קעלער. האב איך גענומען א גרויסען אייזערנעם טאפ, און שטענדיג אריינגילייגט די רענדליך, און דאס גיהאלטען אין קעלער. יעצט ווי מיין זוהן קריגט זיך מיט מיר איז שוין באלד 2 וואכען, ער האט טאקי דערפילט מעגליך די געלד, אבער וויל ער איז אזא שלעכטער, ובפרט ער האט מיך לעצטענס אזוי צושלאגען, האב איך גענומען דעם גאנצען טאפ מיט די גאלדענע רענדליך, און איך האב דאס אוועק גיטראגען אין וואלד. דא אין דא, און ער זאגט איהם אלע סימנים לעבען דעם איז דא א גרוסער בוים, האט ער אויף איהם צוגעקניפט 2 סמאטעס. וועסט דאס שוין אליין זעהען. און אויב איך שטארב שענק איך דיר . דאס אוועק, דארט איז דא איין אוצר.

דער איד טראץ דיזע אלץ האט ער איהם פיין בעהאנדעלט, פאראנאכט האט ער בעקומען שטארקע פיבער, און ער איז געווארען בעוואוסטלאז. ער האט ווייטער גיברענגט דעם דאקטר און מיטען דערנאכט דער דאקטאר האט פעסטגעשטעלט דאס ער וועט שוין נישט ארויס פון די מחלה, אזוי איז טאקי געווען אויפ'ן דריטען טאג איז דער גוי גישטארבען.

דער דארפישער גלח האט זיך מיט דעם גוי פערנומען. דער גלח זעלבסט האט צו געשיקט א הערליכען דאנק בריוו דעם איד, פאר זיין העלדישען בעהאנדלען דעם קראנקען נישט רעכענדיג זיך דערמיט וואס ער איז נישט זיין פאלק'ס ברודער. אינזער אידל איז ארוס איינדערשטיל אפזוכען דעם אוצר. ער האט טאקי געפונען אזא בוים מיט סמאטעס. און ארום דעם איז טאקי קענטיג געווען אזא נייע פרישע גולדענעם קבר'ל, פון העלכן

ער איז אויפגעריכטעט אין רייך גיוואָרען, אויפצומארגענס האט ער בעשלאסען אריינצופארען קיין קוזניץ, איין עצה זיך צופרעגען, צו ער זאל קובע זיין, זיין וואוין פלאץ אין קוזניץ ווייל אין דארף האט ער שון מיין נישט גיוואָלט זיצען, און ווי נאר ער איז אריין צום קוזיניצער מגיד געבען שלום, האט איהם דער קוזיניצע מגיד גיפרעגט, א נו ווי גיפעלט דיר עפעס מיין גוי מיט'ן טאף וואס איך האב דיר צוגעשיקט, איך גלויב ועסט מיר שון שטענדיג שיקען משלוח מנות...

דער דארפסמאן האט זיך יעצט גיכאפט אז דאס האט ער צו פערדאנקען דעם קוזיניצער מגיד ער איז טאקי געבליבען א קוזיניצער בעל הבית, און א שטענדיגער איינגייער פון קוזיניצער מגיד, פון זיין משלוח מנות איז טאקי ביי דעם מגיד גיווען צו לעבען חדשים אוועק דער איד האט טאקי גיהאט עשירות אין אויך גיזעיען ביי קינדער אין קינדס קינדער עשירות.

## מצוות נטילת ידים

### המו"ל

דער בעלזער רב הרה"צ ר' שלום זצלל"ה, האט אמאל דערציילט א מעשה בעת ער איז גיזיצען ביי שלש סעודות, דאס איז גיווען אין יאהר תרי"ד האט ער גיזאגט הערט צו א מעשה וואס איך וועל אייך דערציילען, נישט לאנג האט זיך אין אינזער סביבה געפונען א מענטש א רשע. א רשע גמור איז ער גיווען, א רשע וואס הייסט א רשע אזוי האט ער 2־3 מאל אינטער גישטריכען זיינע ווערטער. אז ער איז גיווען א גיפערליכער רשע, ער האט נישט א דורך גילאזט קיין איין עבירה ער זאל זי נישט טאהן להכעיס. נאר וואס ? איין מצוה דרבנן האט ער גיהאלטען אין געהיטען מיט קפדנות, דאס איז גיווען נטילת ידים, פון וואנען דאס האט זיך גענומען ווייס איך נישט. אבער ער האט געהיטען די מצוה פון נטילת ידים מיט גרוס קפדנות.

אמאל האט דאס גיטראפען אין חול המועד פסח, האט ער גידארפען פארען ערגעץ אין א ווייטען דארף, האט ער איינגישפאנט זיין פערד אין וואגען, אין ער איז גיפארען מיט נעמענדיג מיט זיך וואס ער האט גידארפען און ער האט זיך אוך מיט גענומען עסען. מצה צו די מצה איז גיווען פסחדיגע אדער גאר אמאל חמצדיגע וועל איך אייך אוך נישט זאגען האט דער בעלזער רב אלץ אזוי דערציילט, אז ער איז אפגיפארען א שיינע פאר שעה האט איהם אנגיהויבען שטארק הונגערן, דא האט ער זיך יעצט גיכאפט דאס ער האט נישט קיין וואסער צו וואשען זיך נטילת ידים, האט ער ביי זיך בעשלאסען חלילה נישט צו עסען אן נטילת ידים, ער וועט אזוי לאנג פארען ביז ער וועט ערגעץ ווי בעקומען וואסער צו נטילת ידים, ווייל פון זיין גאנץ לעבען האב איך נאך נישט פערפעהלט נטילת ידים, איך האב די איינע מצוה לאמיך זי כאטש האלטען אזוי האט ער צו

זיך גיזאגט, אבער עס איז ווייטער א דורך א פאר שעה אין ער חלישט ממש פאר הונגער ער פילט אז די כחות לאזען איהם אפ, ער קען שון ווייטער נישט ממשיך זיין אזוי, און ער האט גיזעיען אז אין די ריכטונג וועט ער נישט אזוי גיך געפונען וואסער נאר אין דער זייט גייט עפעס אוועק א זייטיגער כביש, און עס האט איהם אויס געדוכטען אז דארט וועט ער געפונען וואסער. האט ער דארט טאקי גילאסט קירעווען דאס פערד, אבער ער כאפט זיך אז דער וועג איז דאך א ווילדער, עס קען דארט זיין גזלנים מיט רויבער האט ער מורא גיהאט, אבער נאכהער האט ער ביי זיך בעשלאסען, איך שטארב פאר הונגער איז אפילו ווען איך וועל שטארבן וועל איך אויך נישט עסען אן נטילת ידים. גוט וועל איך זיך איינשטעלען מיין לעבען און גיין אויף מסירות נפש כאטש איין מאל פארן רבונו של עולם, און ווי נאר ער איז אריין אין טיעפען וואלד, איז טאקי אנגעקומען א באנדע רוצחים, ער האט נאך פון גארנישט געוויסט, און ער האט בנתיים טאקי גיזעיען א ברונע וואסער. ער האט זיך גלייך גיוואשען און גיזאגט על נטילת ידים און נאך נישט איספעיעט נעמען דעם ביסען אין מויל אריין, די באנדיטען זענען דא, און אן שום טענה ומענה האבען זיי איהם גלייך דערשאסען, נאך איידער ער האט בעוויזען דעם ערשטען ביס אראפצושלינגען, און ער איז גיפאלען טויט אופ'ן ארט, איז דאן גיווארען א רעש אין הימעל, אזא פראסטער נפש, טאקי ער האט עובר גיווען על כל התורה כולה, אבער דאך איז ער דאך גיגאנגען אויף קידוש השם צוליב א מצוה דרבנן וואס ער האט זיך מוסר נפש גיווען, נאך א לאנגע שקלא וטריא האט מען אין הימעל גיפסקענט דאס איהם קומט גן עדן העליון, האט אויסגעפיהרט דער בעלזער צדיק, אין איהר קינדערלעך שלאפט. זעהט ! ער איז דאך גיווען מיט איין אמת א רשע גמור, נאר ווייל ער האט לכל הפחות אפגעהיטען איין מצוה אין אוך א רבנן מצוה נאר ווייל ער האט זי געהיטען מיט שטרענג־קייט און מיט מסירת נפש, האט ער זוכה גיווען צו גן עדן ווי גוט וואלט נאך זיין מיט אינך, ווען מיר וועלן אפהיטען די גאנצע תורה מיט מסירת נפש, נעמט אייך אראפ א מוסר השכל פון דעם רשע, שלאפט נישט.

עבדו את ה׳ בשמחה.

## דער בעלזער רב איז ממתיק דינים

### הרב הרשקוביץ

דער בעלזער רבי הרה״צ ר׳ שלום זצללה״ה האט גיהאט צווישען זיינע חסידים איינעם א חסיד א למדן ר׳ אלימלך טלוסטער האט מען איהם גערופען, ער פלעגט זיך פיהרען אלע מאהל, ווען ער פלעגט פאהרען אויף ראש השנה קיין בעלז, איז צוריק צו וועג׳ס פלעגט ער אפטרעטען און פרעמישלאן ביי דעם רבין ר׳ מאיר׳ל זצללה״ה. דער מנהג פון הייליגען בעלזער רב פלעגט זיין, אז אלע מאהל פאר תקיעת שופר פלעגט ער זאגען תורה, אמאהל האט גיטראפען, אין א ראש השנה האט דער בעלזער רבי אנגיהובען זאגען תורה פאר תקיעת שופר, אין האט גיזאגט: ג־ט האט אינץ ארוסגעצויגען פון מצרים, און ווען משה איז געקומען פאר פרעה האט ער נישט גיוואלט הערען, און נאכהער ווען ער האט שון יאה גיהערט צו משה׳ן, האט ער איהם גיפרעגט מי ומי ההולכים ד. ה. ווער וועט דאס זיין די ארויסגייער׳ס פון מצרים? האט משה גיענטפערט בנעורנו ובזקננו נלך בבנינו ובבנותנו בצאנינו ובבקרנו נלך (שמות ח ט) ד. ה. מיר וועלען אלע ארוס געהן די אלטע אידען מיט אינזערע זוהן, און טעכטער, אונזערע שאף און אינזערע בהמות וועלען מיר אלע געהן אין פרעה האט זיי צוריק גיענטפערט, יהי כן ה׳ עמכם כאשר אשלח אתכם ואת טפכם ד, ה, ג־ט זאל אזוי זיין מיט אייך ווי איך וועל אייך ארויס שיקען, צוזאמען מיט אייערע קינדער, לא כן האט ער גיזאגט נישט אזוי נאר לכו נא הגברים געהט איהר בלויז מענער, נאכהער האט פרעה נעשיקט רופען משהן, אין איהם גיזאגט לכו עבדו את ה׳, ער ערלויבט זיי שון צוגעהן דיענען ג־ט, רק צאנכם ובקרכם יוצג נאר די שאף אין רינדער זאלען זיי איבער לאזען, אין

משה זאגט ניין, נאר וגם מקננו ילך עמנו אוך די בהמות וועלען מיט אינץ מיט געהן. ביז פרעה איז אויפגישטאנען ביינאכט אין גיזאגט צו משה קומו צאו מתוך עמי. שון געהט שון אלע ארויס, אויך גם אתם גם בני ישראל וגם צאנכם גם בקרכם קחו ולכו. ער איז מסכים זאלן אידען מיטנעמען, אי די בהמות שאף, רינדער. אלעס דאס איז גיווען די גאנצע תורה, וואס דער הייליגער בעלזער האט גיזאגט פאר די תקיעות אין קיינער האט נישט גיקענט פערשטעהען, אלע מאהל פאר שופר בלאזען זאגט דער הייליגער בעלזער רב הויכע תורות, וואס נישט אלע קענען דאס פערשטהען, און דא האט ער עפעס אפגיזאגט א שטיקעל חומש, און דערצעהלט א מעשה פון עטליכע טויזענט יאהר צוריק, וואס אלע זענען דערין בקי, ווי קומט איבערהויפט די תורה פאר תקיעת שופר עס וואלט גיפאסט פאר א חדר קינד וואס הייבט אהן דאס ערשטע מאהל לערנען חומש. אין ער קומט אהיים אין דער־צעהלט דאס אין שטוב, קיינער האט דאס נישט גיקענט פערשטעהן, און קיינער וואלט דאס טאקי נישט גיוועסט פערשטעהן עד היום. נאר ווי גיזאגט אז דער ר' מלך פלעגט זיך פיהרען אהיים פאהרענדיג פון בעלזער פלעגט ער אפ־שטייגען אין פרעמישלאן, איז אויך דאס יאהר ווי אלע מאהל, ר' אלימלך צוריק פאהרענדיג אף געשטיגען ביי ר' מאיר'ל. ווי נאר ער האט איבערגיטרעטען די שוועלע פון הייליגען ר' מאיר'ל האט איהם ר' מאיר'ל גלייך גיפרעגט זאג מיר וואס פארא תורה האט אייך היינט עפעס דער הייליגער בעלזער רב גיזאגט ? פאר די תקיעות, האט ער איהם דערציילט דעם אמת, אין אלע האבען זיך דערויף שטארק גע־וואונדערט . האט דער הייליגער ר' מאיר'ל זצללה"ה גיזאגט. הערט ! איך [illegible] אייך מבאר זיין די הויכע הייליגע תורה וואס דער בעלזער רב האט אייך גיזאגט.

דאס הייניטיגע יאהר האבען מיר זיך אידעלעך צופיעל צולאזט און מיר האבען גיטאהן צופיעל עבירות, לכן איז גיווען אין ראש השנה א גרוסער קטרוג אויף אידען, און מען האט גיוואלט גוזר זיין א מגפה אויף די גרויסע מענטשען, האט דער בעלזער רב אלס צדיק הדור נישט גיוואלט מסכים זיין. אין האט דעם גזר דין מבטל גימאכט, איז געקומען דער בעל דבר מיט א גיוואלד, און האט מקטרג גיווען דאס מען זאל כאטש דעם גזר דין ארויסגעבען אין עס זאל קומען א מגפה אויף די קליינע קינדער ח"ו, אויך אויף דעם האט דער הייליגער בעלזער גיליארימט און נישט דערלאזען, ווייל פון די קליינע וועט ווערען גרויסע צדיקים האט דער בעלזער גיטענה'ט האט דער מקטרג גיטעהנעט אויב אזוי, זאל לכל הפחות ווערען די מגפה אויף בהמות מיט שאף, אויך אויף דעם האט דער בעלזער נישט ערלויבט אין גיקענט מסכים זיין, אין ער האט גיזאגט א גיטען טעם ווי משה רבינו ע"ה האט גיזאגט, כי ממנו נקח לעבוד את ה', מיט די שאף אין בהמות דיענט א אייד ג־ט, מיט די מילך פוטער קעז פון די בהמות, איז ער מחיה אנ'ארימאן אין איז דערמיט מקיים הכנסת אורחים, אין דערמיט היילט ער די שוואכע הערצער, וואס די מצוות זענען גרעסער ווי קבלת פני השכינה, אין דער סוף איז גיווען דאס דער גזר דין איז טאקי יענץ יאהר בגזר גיווארען אויף עופות איז גיווען א מגפה ל"ע דאס האט דער בעלזער רב זצוקלל"ה גימיינט מיט די פסוקים פון יציאת מצרים, ווארום פרעה האט אויך אזוי גיוואלט. קודם זאלען אלע אידען ביי איהם זיין פערבלייבען אין זיין

טומאה, דערנאך האט ער כאטש גיוואלט די קליינע קינדער זאלען ביי איהם איבערבלייבען, נאכדעם האט ער פערלאנגט לכל הפחות די שאף מיט די בהמות, און משה רבינו ע"ה האט אלץ נישט גיוואלט מסכים זיין דערצו, ביז פרעה האט געמוזט אויך די שאף מיט די בהמות ארויסשיקען, און ווייל משה רבינו האט נישט גיבעטען אויף די עופות, איבער דעם האט שן אויך דער בעלזער רב געמוזט פער־צוכטען אין מסכים זיין, און דער זעלבער ר' אלימלך האט דערציילט אז אין דאמאלסדיגען יאהר ווען איינער איז שון אפילו געקומען מיט איין עוף שעכטען איז דאס עוף גיפיגלט ביי דעם מענטש אין דער האנד, איידער ער איז נאך געקומען צו דעם שוחט.

## דער סוד פון יסורים

א גוטער איד האט אמאהל דערצעהלט אין חודש אלול אמעשה, וואס דער עולם האט שטארק נהנה גיווען, און אזוי האט ער גיזאגט ווער עס גידענקט האב איך אין א געוויסען טאג ביים טיש גילעגט דעם קאף און נאכהער זיך אויף גיהויבען אין שטארק גילאכט, אין קיינער האט נישט געוואוסט דעם צוועק פון מיין לאכען, וועל איך אייך יעצט מגלה זיין וואס דא איז גיווען.

די וועלט איז אזוי מזלזל אין יסורים, טאמער חלילה קריגט ווער עפעס א וועהטאג, לופט מען שון ארויס פון די כלים, עס איז אמאהל גיווען א נידריגער מענטש, וועלכער איז זעיער ווייט גיווען פון אידישקייט, פון צייט צו צייט אז מען האט איהם גוט גיפייניגט פלעגט ער אמאהל נאך געבען א צדקה, דאווענען האט ער רעכט נישט גיקענט ולכן האט ער נישט מתפלל גיווען דער איז גישטארבען און מען האט איהם גיברענגט צום בית דין של מעלה אפגעבען דין וחשבון, לערנען נישט, תורה נישט, צדקה נישט, מצוות נישט, תפילין נישט א. א. ז. וו. פער־שטעהט זיך נעבעך דאס זיין פסק דין ביים בית דין של מעלה, איז זעיער מיעס ארויס, און ער האט בעקומען גיהנם, ווי מען הייבט איהם אהן אוועק פיהרען אין גיהנם, לופט איהם נאך אויפ'ן וועג א קליין אויסגידארט מלאכ'ל, און זאגט איהם נאך וואס לאזטו זיך פיהרען אין גיהנם, הייס זיך צוריק פיהרען צום בית דין של מעלה און זאג ביי דעם משפט, אז די האסט געליטען יסורים אויף די וועלט, (ווי שייך א איד האט נישט קיין יסורים) און דאס איז דא אין הימעל א חוק, אז יסורים רעכנט מען אראפ פון די עבירות, איז קען אמאל זיין, אויב די האסט גיהאט אוף דער וועלט א סאך יסורים, וועט מען דיר דאס אלעס אראפ רעכענען פון דיינע עוונות, און וועסט אפשר קענען געהן נאכהער אין גן עדן, זאג־ מיר טייערער און ווער ביזטו דען דאס פאר איינער? פרעגט זיך אזוי דער עם הארץ צו דעם דארען שוואכען מלאכ'ל. קענסט מיך נישט? איך בין דאך פון דיינ'ס א מצוה, וואס די האסט א מאהל בעל כרחך גיגעבען א צדקה, בין איך דאך בעשאפען גיווארען, און דער פאר בין איך אַזוי שוואך, אבער איך האב דאס רעכט דיר א טובה צוטאהן, און דערפאר בין איך דיר דאס מגלה, אויב אזוי רופט זיך אהן דער מענטש צום מלאך, טוה מיר א טובה, איך האב מורא צו ריידען מיט'ן מלאך וואס

ער פיהרט מיך אין גיהנם, ער קוקט אוס צו זיין א שלעכטער, ער וועט מיך נישט וועלען צוריק פיהרען צום בית דין של מעלה, בעהט די ביי דעם מלאך ער זאל מיך צוריק פיהרען, איך וועל דיר צוליב טאהן איך וועל מיט איהם שמ־עסען ענטפערט איהם דאס מלאכ׳ל ער האט ביי איהם גיפועלט מען נעמט איהם צוריק צום בית דין של מעלה, אין ער טענה׳ט רבונו של עולם! איך האב דאך זעיער פיעל יסורים געליטען אוף די וועלט, אפשר וועט מען מיר דאס אראף רעכענען פאר מיינע חטאים? אזוי, זאגען די שופטים? די האסט אויף דער וועלט געליטען יסורים? פארוואס האסטו באלד נשט גיזאגט? שפרינגט אינטער דאס אויסגידארטע מלאכ׳ל אין זאגט, יאה, אודאי פיעל יסורים האט ער געליטען, אויב אזוי זאל מען אריין ברענגען די וואג האט דער יושב ראש פון בית דין של מעלה פער־ארדענט, מען האט אריינגיברינגט די וואג, די יסורים זאל מען ברענגען האט דער יושב ראש גיהייסען, באלד האט זיך גיעפענט די טיערען און מען האט אריינגיבראַכט דריי ריזיגע קאסטענ׳ס מיט יסורים, אויך האט מען אריינגיברענגט אלע עבירות, אין ארויף גיליגט אויף איין וואגשאל, ליידער האט דאס גיגעבען אקנאק אראף, אז די וואג איז שיעור נישט צובראכען גיווארען, נאכהער האט מען ארוסגענומען פון די קאסטענ׳ס פערשיעדענע צרות, אין מען האט דאס ארויף גילעגט אוף די צווייטע זייט פון וואג, מען האט אויס גילעדיגט איין קאסטען אין מען האט אנ־גיהויבען דעם צווייטען קאסטען, מען האט אלע צרות ארויף גילעגט אויף די וואגשאל, די וואג נעמט זיך שון עטוואס בעוועגען, נאך אפאר צרה׳לעך וועט זי שון באלד אראף שווערען, ער נעמט שון שיינען פאר גליק, איהם הייבט זיך שון אהן פארשטעלען אט פיהרט מען איהם שון אין גן עדן, ער וועט זיין מיט די גרעסטע צדיקים, זיצען און נהנה זיין מזיו השכינה, אין עס וועט איהם זיין וואיל אין ליכטיג אבער עס פעלט צו צו די וואג. די 3 קאסטענ׳ס זענען שון אויס־גיליידיגט, אין א קלייניגקייט פעלט צו, עס איז נישטא קיין חכמות ביים בית דין של מעלה, אין אלע מלאכים האבען שון אויף איהם רחמנות גיהאט, אוי וועה ווען נאך א 2־3 צרה׳לעך איז ער שון גיהאלפען, אלע נעמען זיכען צווישען די ברעטלעך פון דעם קאסטען אין דער מענטש איז אריין גיקראכען אין א קאסטען אריין, זוכען צווישען די שפארעס, אפשר איז נאך ערגעץ פערשטעקט עפעס א יסורימ׳ל אין דאס דארע מלאכ׳ל קריכט אריין אין צווייטען קאסטען אריין, יעדער האלט א גרויס וועקסענע ליכט, אין מען זוכט אין מען זוכט, האב איך זיך דאס דאן אזוי צולאכט פיהרט אויס דער צדיק זיין סיפור אין זאגט, אויף דער וועלט שאקעלט זיך יעדער גיפערליך אף פון א צרה פין יסורים, און אוב ח״ו אוף ווען עס קומט עפעס א צרה, איז ער מתרעם און איהם דאכט זיך גאר אוס, עס קומט איהם דאס גארנישט, ווער וויל דען מקבל זיין יסורים באהבה, אין דארט איז מען גישטאנען אין געזוכט א צרהל׳ע א יסורימ׳ל מיט ליכט, דאס אין גיוועזן מיין לאכען, נאך מעהר האב איך גילאכט, דאן ווען מען האט מיין פארשלאג אנגענומען ווייל איך האב דאן גיזאגט, רבש״ע די ווייסט דאך יאה אז מיר פעהלט נישט ב״ה קיין צרות, לכן שענק איך דעם אידעל אוועק 5־10 צרהלעך, אין זאל ער געהן אין גן עדן, מען האט טאק אין הימעל פון מיר גילאכט אבער דאך האט מען דעם איד געפיהרט אין

גן עדן נאך דעם ווי איך האב איהם גע־שאנקען א ביסעלע יסורים.

לכן ליבע אידען! אויך צום יום הדין זענען אינזערע יסורים גוטע מליצי ישרים, נאכדעם ווי מיר וועלען תשובה טאהן ווי גיהעריג, וועלען אינזערע אלע יסורים זיין אודאי פאר אינץ זיין מליצי ישרים, אין מיר וועלען זוכה זיין צו ווערען אנגעשריבען לאלתר לחיים טובים ולשלום בספרן של צדיקים, אין מיר וועלען זוכה זיין צו האבען א שנת גאולה וישועה.

## מסירות נפש פאר א מצוה

ביי דעם הייליגען בארדיצובער האט א מאהל גיטראפען, דאס ער האט נישט געקריגען קיין אתרוג צוקופען, עס איז שון ממש ערב סוכות אין קיין אתרוג איז נישט גיווען אין שטעטעל, האט דער הייליגער בארדיטשעבער גיזאגט צו זיינע חברה, איך וואלט לכל הפחות גיוואלט אנקיקען איין אתרוג. האבען איהם זיינע מענטשען גיזאגט, רבי! דאס איז נישט דוקא אזוי שווער, מען קען ארויס געהן צום הויפט כביש, ווי שייך פארען נישט דורך אידען דער צו א רבין אין ווער צו א פאמיליע, נעמען זיי מיט אתרוגים, וועט מען קענען בעטען ביי וועמען עס איז, ער זאל אויף אפאר מינוט געבען דעם רבין זיך אנצוזעטיגען מיט'ן קוקען אויפ'ן אתרוג. האט דער בארדיטשעווער גיזאגט, גירעכט! עס איז טאקע א פלאן, איז מען ארויס אויפ'ן הויפט כביש, און מען איז אפגעשטאנען איבער א שעה, איז אדורך גיפארען א רייכער איד ביי די פיערציגער יאהרען וועלכע איז טאקע געפאהרען צו א רבין, אין האט מיט זיך גיהאט אן אתרוג, דער בארדיטשעווער בעקוקט דעם אתרוג, ער ווערט נתפעל ער איז טאקי א פרי עץ הדר, ער צוגייט פאר אזא אתרוג, הער זיך צו אינגערמאן זאגט ער איהם דער

בארדיטשווער, ווען דו בלייבסט דא ביי מיר איבער יום טוב מיט'ן אתרוג, זאג איך די צו „זרע של קיימא", איך האב ב"ה זעיער ווילע קינדערלעך און בין שון נישט זקוק צו די ברכה זאגט מיט שטאלץ אזוי דער איד, איך זאג דיר צו גרויס עשירות זאגט דער בארדיטשווער, איך בין שטיינרייך זאגט דער איד צום בארדיטשעווער, איך בארדיטשעווער זאג דיר צו אריכת ימים, ענטפערט דער איד איך שטעה נישט אזוי דערנאך, עס איז ביי מיר נישט אזא יחוס דער עולם הזה, ביי מיר איז יחוס עולם הבא, אוב אזוי זאגט דער בארדיטשווער, גיב איך דיר אוועק מיין גאנץ עולם הבא ווען די בלייבסט ביי מיר אויף סוכות מיט דעם אתרוג, דער איד האט דערהערט דעם בארדיטשעווער'ס עולם הבא איז אזאך, עס איז כדאי, האט ער זיך אנגערופען גוט איך בין מסכים, דער האט דערווייל אוועק גיגעבען צו בעהאלטען דעם בארדיטשעווער דעם אתרוג מיט'ן לולב, און איז אוועק אין שטאט זיך שאפען א סטאנציע, ווי גיזאגט דאס ער איז גיוועזן א רייכער איד, האט ער זיך געדונגען א פיינע סטאנציע מיט פיינע קעסט א. א. ז. וו. מען האט פאר איהם אנגיגרייט כיד המלך.

אין הימעל איז גיווארען א גיוואלדיגער רעש, היתכן, דער גרויסער הייליגער מאן ר' לוי יצחק זצוקללה"ה, האט אוועק גיגעבען זיין גאנץ עולם הבא פאר מצות לולב, א שרעק, די מלאכים ווילען נישט סובל זיין אז דער הייליגער בארעדיטשעווער זאל בלייבען אהן עולם הבא. האבען זיך די מלאכים אפגעשמיסט און עס איז געבליבען, דאס אין יעדע סוכה וועט אראפ א מלאך צו דער בעל הבית פון סוכה, איהם צו בעשווערען אז היינטיגע נאכט, זאל מען נישט אריין לאזען דעם דאזיגען גביר צו זיך אין סוכה, אפילו ווען ער וועט אוועק לייגען דערפאר אוצרות גולד, וכך הוה דער גביר ווייסט פון גארנישט, ווען ער איז אהיים געקומען אויף זיין סטאנציע ווי ער האט אזוי פיעל געלד בעצאלט פארן צו גרייטען איהם דעם יו"ט, האבען זיי איהם גאנץ פיין מכבד גיווען, און איהם אנגיהויבען צו דערלאנגען די טייערסטע מאכלים, און ער וויל אריינגיין אין סוכה און מאכען קידוש, זאגען זיי צו איהם ניין! דאס נישט! אין אונזער סוכה וועלען מיר דיר נישט אריינלאזען, מיר האבען דיר נישט צוגעזאגט אז די וועסט עסען ביי אינץ אין סוכה, מיר האבען ביי דיר אמת גענומען געלד פאר דיר צו מאכען אין צו גרייטען עסען, און דאס האבען מיר דיר גימאכט, אבער אין אינזער סוכה ווילען מיר נישט אז די זאלסט זיין קענסט זיך געזונטערהייט עסען אין שטוב אדער אוועק געהן מיט'ן עסען צו וועמען דו ווילסט, אבער ביי אינץ נישט, ער רעדט אהין און אהער, ער בעהט זיך ער איז זיי מוסיף נאך גאנצע הונדערט פראצענט אויפ'ן געלד, ניין און ניין איז גיווען זייער ענטפער, האט ער גענומען דאס פעקעל עסען, און האט אנגיהויבען וואנדערן אזוי פון איין איד צום צווייטען, און קיינער וויל נישט דעם אורח ערלויבען אריין צו געהן צו זיך אין סוכה, רבש"ע! שרייט אויס דער איד וואס פארא שטאט איז דאס עפעס דער בארדיטשעוו? אזוי האט דער בארדיטשעווער זיי אויסגילערנט? מען זאל נישט אריינלאזען קיין פרעמדען איד אין א סוכה? און אפילו אויך נישט פאר קייז געלד? איך פערשטעה דאס נישט, און ביי די ווערטער האט ער זיך גיכאפט, אה! איך קען דאך געהן צום רב אליין, צום בארדיטשעווער אין זיין סוכה ער וועט דאך מיר אודאי ערלייבען איך האב דאך איהם גיגעבען דעם אתרוג. און נישט פיעל קלערנדיג, האט ער זיך גילאזט אין די ריכטונג פון רב, רבי! איך וויל ביי אייך

עסען אין סוכה זאגט דער איד מיט ברייטקייט אבער אויך ביי דעם בארדיטשעווער זענען דא מלאכים אין סוכה און ערלויבען איהם נישט אריינצונעמען דעם אורח. . . . און דער בארדיטשעוור ענטפערט, הערט טייערער! איך לאז אייך נישט אריין צו מיר אין סוכה, נאר מיט איין בעדינג, אז איהר וועט מיר מוחל זיין צוריק דעם עולם הבא, וועל איך אייך ערלויבען עסען ביי מיר אין סוכה און מקיים זיין די מצות סוכה, אז נישט האט איהר מיט מיר גארנישט וואס צו ריידען אין אויף מיר משפיע צו זיין, דאס איז א החלטה, אין דער בארדיטשעוור איז אריין צו זיך אין צימער, דער איד איז גיוועז א אמתדיגער ערליכער חסידישער איד האט ער זיך מיישב גיוועז הלמאי דעם בארדיטשעוור האט גילוינט אוועק צו געבען עולם הבא פאר מצות אתרוג, קען איך אויך אוועק געבען דעם עולם הבא פאר מצות סוכה, תאט ער זיך גיוואנדען צום בארדיטשעווער, און איהם גיזאגט גוט! איך בין מסכים, דער תאט מותר גיוועז אויפ'ן עולם הבא אין געזעצען אין סוכה צוזאמען מיט'ן בארדיטשעווער און גיגעסען און ווי נאר ער האט אנגיהויבען קידוש מאכען איז ער פארחלישט גיווארען, ווער ער אין געקומען צו זיך, האט ער גיזאגט דאס די סבה פון זיין חאלישין איז גיוועז ער האט גיזעהן די אישפוזא מיט מלאכים אין סוכה אין זיי האבען איהם גיזאגט דאס דערפאר האט ער זוכה גיוועז צו עסען מיט'ן בארדיטשעווער צוזאמען ווייל אין די שעה איז ער אזוי גרויס גיווען ווי דער בארדיטשעווער אין דעם ענין פון מסירת נפש פאר א מצוה.

## אברהם אבינו צוגאסט אין סוכה

ר' יחזקאלע שינאווער זצללה"ה האט זיך שטארק אמאהל גויאגט, אין גיזאגט אום סוכות, דאס ער דארף בעזוכען א סוכה וואס אברהם אבינו האט די סוכה נאר וואס בעזוכט דער עולם איז מיט איהם מיט גיגאנגען ווען ער איז דארט געקומען האט. ער עפעס געשמיסט מיט'ן בעל הבית פון די סוכה אין ער האט גוט אויסגעקושט די סוכה, אין איז צוריק אוועק אין שטיב, תאבען די חסידים גיפרעגעט ביי ר' יחזקאלע רבי! דער בעל הבית פון די סוכה קוקט דאך אויס צו זיין א פשוטער מענטש, אין ווי אזוי קען זיין אז ביי איהם אין סוכה האט היינטיגען סוכות בעזוכט אברהם אבינו? האט ר' יחזקאלע גיזאגט הערט! וועל איך אייך זאגען, דער איד איז טאקי א פשוטער אבער איין ערליכער יוד, א גרויסער ארימאן, ער האט אויפגישטעלט א סוכה, אבעער ער האט נישט גיהאט צו קופען קיין סכך, האט ער בעשלאסען אין אין אוועק מיט זיין פרוי אין וואלד רייסען סכך, אין זיי האבען מיט גענומען א מעסער צו שניידען דעם סכך, בנתיים האבען זיי פערלורען דאס מעסער, אין האבען נישט גיהאט מיט וואס צו אפשניידען דעם סכך, אהיים צוגיין צוריק אין נאכאמאהל נעמען א מעסער. איז שון נישט גיוועז קיין צייט, ווייל עס איז שון צו שפעט גיוועז, האבען זיי ביידע געביסען די סכך מיט די ציין, און האבען בעקומען ביילען אין מויל, אין זענען אהיים אמנם מיט סכך אבער אויך מיט פילע מיילער מיט וואונדען, איז גיווארען א רעש אין הימעל אידען קענען האבען אזא מסירת נפש פאר א מצוה? אין היות די ערשטע אישפוזא אין דאך אברהם אבינו'ס, האט מען גיפפקענט אין

הימעל אַז אברהם אבינו זאל בנגלה אראָפּ צו זיי אין סוכה, אין זאל זיי אויסהיילען די וואונדען פון מויל, אַזוי איז גיוועזן, ווי ער איז אריין אין סוכה, האט דער מענטש דערזעהן שטעהן ביי די סוכה איין ארומאן (ווייל אזוי האט זיך אברהם אבינו פערשטעלט) האט ער גימיינט אז ער וויל ביי איהם עסען אין סוכה, אין דא האט ער נישט גיהאט וואס איהם צו געבען צו עסען, האט דער ארימאן גיזאגט צו אברהם אבינו, טייערער איד! איך בין שטאַרק ארום, אין איך האָב פאר אייך לײדער נישט אנגיגרייט צו עסען נאר איך וועל אייך אריין פירען דערנעבען צו א שכן א נגיד, ער וועט אייך געבען א גוטע סעודה צו עסען, און בעת'ן ריידען האט ער זיך צוגיהאלטען דאס מויל פאר ווייטיג, האט זיך אברהם אבינו אנגערופען, ניין מיין טייער קינד, איך בין דאך דיין טאטע אברהם אבינו, בעוויין בעוויין די וואונדען, ער ווייזט איהם אזוי האט אברהם אבינו גיגעבען א ריהר, איז איהם גלייך אוועק די וואונדען, אין אויך די וואונדען פון זיין פרוי זענען נעלם גיווארען, אין דערפאר בין איך גיוועזן נייגעריג צי אנטאפען, אין אנקוקען אזא סכה וואס אברהם אבינו האט איהר בעזוכט.

## קלוגע ווערטער

### דער גאלדענער שטעקן

דער לובלינער רב איז גיוועזן אין אמריקא, איז איהם אויסגעקומען צו זיין יום כפור אין א קליין שטעדטעל, איז ער גיווארען פארבעטען צו דאוונען פאר'ן עמוד „נעילה". מוצאי יום כפור האט דער שוהל־קאמיטעט געגעבען דעם רב א מתנה א גאָלדענעם שטעקען האט דער רב צו זיי גיזאגט, אין א שמייכעל עס זעהט אויס, אז איך בין פאר מיין דאוונען נישט מעהר ווערט געווען ווי אַ שטעקען...

### זרוק מרה בתלמידים

דער גאון ר' שלמה שטענצעל, וועלכע׳ האט נאָך אַלס יונגעל גע'שמ'ט מיט זיין עילוי־שען קאפ, האָט געלערנט ביי אַ מלמד א בייזער איינמאהל האט זיך דער מלמד שטאַרק צו בייזערט און אויסגעשריגען צו די תלמידים.
— איך וועל דאך ביי אייך די גאל אויסשפייען! דער קליינער שלמה'לע האט מניה וביה דעם רבי'ן גיענטפערט, די גמרא הייסט דאך אייך אזוי טוען. „זרוק מרה בתלמדיים". (כתובות ק״ג):

### מעשיות פון צדיקים

חסידים זאָגען אז מ'דערציילט מעשיות פון צדיקים איז אזוי גיט ווי געלערנט, דער מקור דערפון איז. ווייל אין סוף כתובות ווי די גמרא דערציילט די פטירה פון רבינו הקדוש, הייבט זיך אָן „תנו רבנן" אזוי ווי ביי אַ הלכה זאַך איז אַ ראיה אז דאס איז גלייך אזוי ווי גילערנט.

### א גוט ווארט

אגוטער יוד וואס פלעגט ניט זאָגען קיין תורה ביים טיש, האבען איהם די חסידים גיפרעגט. פארוואס ער פיהרט זיך אזוי? האט ער גיענטפערט ווייל עס שטעהט אין תהלים (ק״לא) „אם לא שויתי ודוממתי" אויב איך בין נאך נישט געקומען צו די מדריגה פון „שויתי ה' לנגדי תמיד" דארף איך שווייגען און ניט זאגען קיין תורה.

# מען טאר נישט דוחק זיין דעם קץ

מיט א 137 יאהר בערך, האט אמאהל גיטראפען אז עס איז נישט גיגאנגען קיין רעגען ביז נאך חודש טבת. וואס אין נארמאלע צייטען דארף שוין חשון גיין רעגען. פערשטייט זיך דאס אידען האבען זיך צונאנד גיזאמעלט, אין די בתי כנסיות ומדרשות. אין מען האט מתפלל גיווען אויף רעגען. מען האט גיפאסט פערשיעדענע תעניתים ווי דער דין איז. אין דאך נאך די אלע תעניתים אין תפלות ותחנונים אין גיבעטען אויף די קברים הקדושים האט אלץ גארנישט גיהאלפען. אין קיין רעגען איז נישט גיגאנגען.

דער פאשא איז אויך נישט גישלאפען, און גיטאהן וואס ער האט גיקענט. אבער אלץ אהן ערפאלג. עס גייט נישט קיין רעגען. דאן האט זיך דער פאשא בעטראכט. היתכן! סוף סוף קענען דאך די אידען אלץ אויפטאהן מיט זייערע תפלות. פארוואס שווייגען זיי (ווייל ער האט נישט געוויסט אז אידען האבען שוין מתפלל גיווען און גיפאסט א. א. ז. וו.) האט דער פאשא געשיקט מעלדען די אידען, אז אויב זיי וועלען נישט מתפלל זיין עס זאל גיין רעגען, וועט ער זיי אלעמען ארוסטרייבען פון לאנד.

דאן האבען איהם די אידען אפגיענטפערט: אדוני פאשא הנכבד! מיר האבען שוין מתפלל גיווען אין גיפאסט זאגאר, אויך מתפלל גיווען אויף די קברים הקדושים. אבער ביז איצט זעבען מיר ליידער נישט נאך גיהאלפען גיווארען. איין זאך איז דא וואס דאס קען זיכער ברענגען רעגען. אבער דאס איז בידך, ווען די לאזט אריין אין די מערת המכפלה 10 מענטשען פון די גרעסטע אידען, און מיר וועלן דארט מתפלל זיין פערזיכערן מיר דיר רעגען.

דער פאשא האט באלד געשיקט א שליח צו דעם „קאדי" (העכערער אמט) וועלכער איז געזיצען אין דמשק. וואס ביי איהם אין די האנד געפונען זיך די שליסלען פון די מערת המכפלה, אז ער זאל שיקען א שליח צום סולטאן קיין קונסטאנטינופול צו בעטען פאר די אידען איין ערלויבעניש זיי זאלען מעגען אריינגעהן אין די מערת המכפלה מתפלל זיין אויף רעגען, אין אויב נישט, דראהט א געפערליכער הונגער פאר די בעפעלקערונג.

דער קאדי אין דמשק האט זיך מיישב גיווען, היות, ווי די צייט איז קורץ, אין איידער ער וועט שיקען קיין קאנסטאנטינופול צום סולטאן פרעגען, און איידער עס וועט אנקומען תשובה, וועט דערווייל א דורך די ווינטער צייט. וועלכעס דאן וואקסט די תבואה אין ארץ ישראל מען וועט גארנישט אויפטאהן אפילו ווען נאכהער עס וועט שוין גיין רעגען, ווייל עס וועט שוין זיין נאך די צייט. האט זיך דערפאר דער קאדי אליין גימעכטיגט, און האט דאס געטאהן אויף די אייגענע האנד, אן די ערלויבעניש פון סולטאן. און האט גלייך געשיקט די שליסלען פון מערת המכפלה, און עלויבט א מנין אידען זאלען אריינגעהן אין די מערת המכפלה צו זייערע עלטערן מתפלל זיין אויף רעגען

די אידען האבען אויסגעקליבען צען די גרעסטע תלמידי חכמים, צדיקים, ובעלי מקובלים און זיי געשיקט מיט'ן משמש צוזאמען אין דער מערת המכפלה מתפלל זיין.

קומענדיג קיין חברון, האט מען זיי גלייך

אריינגילאזט אין דער מערת המכפלה, לויט'ן בעפעהל פון פאשא, זיי זענען אראף די ערשטע 5 טרעפלעך, און האבען אויסגעזאגט דעם ערשטען ספר תהלים, מיט גרויס כונה ובכיות און מיט א צובראכען הארץ, גיענדיגט האבען זיי ארויס געשיקט דעם משמש זעהען ווי דער הימעל קוקט אויס, עס איז נאך דערוויל גארניט, האט זיי דער משמש מיטגעטיילט, זענען זיי אראף גיגאנגען נאך 5 טרעפלעך, און האבען אנגיהובען מתפלל זיין מיט נאך גרעסערע בכיות און כוונה, מיט פערשידענע שמות הקדוש ווי די מקובלים קענען, און זיי האבען ווייטער. ווי בעפאר ארויסגעשיקט דעם משמש זעהען ווי האלט דאס מיט רעגען, דער משמש איז צוריקגעקומען מיט א תשובה, אז די זון שיינט ווי בעפאר, און עס ווייזט זיך פארלויפיג ניט קיין שום צייכען פון רעגען, זענען זיי ווייטער אראפגיגאנגען 5 טרעף, און מען האט אנגיהובען דעם דריטען ספר תהלים מיט נאך גרעסערע כוונות אין יחודים, און זיי האבען מכוון גיוועזן די אלע נויטיגע שמות הקדושים, און זיך בענוצט מיט אלע מיטלען וואס זיי האבען גיהאט, גיענדיגט דעם דריטען ספר, האט מען ווייטער ארויסגעשיקט דעם משמש זעהען, דא איז באלד דער משמש צוריקגעקומען מיט א פרייליך פנים, דער הימעל איז שון שטארק פערוואלקענט, אין דער רעגען האט שון אנגעפאנגען,

דערהערענדיג דעם פרייליכען נאכריכט, האבען זיך דאס מנין מקובלים מיישב גיוועזן מען זעהט דאך אז איצט איז איין עת רצון, און היות מיר האבען זוכה גיוועזן צוזיין אין די מערת המכפלה, לאמיר אנהייבען מתפלל זיין אין בעטן אויף די גאולה שלמה, און זיי האבען זיך גיגרייט מייחד זיין יחודים מיט שמות הקדושים, וואס זיי האבען געוויסט, און אזוי האבען זיי טאקי אנגיהובען טוהען, מאמענטאל איז אבער ליידער געקומען א שטורם ווינד, מיט אזא שרעקליכע קראפט, אז עס האט זיי אלעמען ארויסגיווארפען פון דער מערת המכפלה, דאן האבען זיי פערשטאנען אז מען טארנישט זיין קיין „דוחק את הקץ" מסתמא איז נאך נישט די ריכטיגע צייט פון השי"ת, אז מיר זאלען אויסגעלייזט ווערען,

מיט גרויס פחד זענען זיי אלע צוריק געקומען קיין ירושלים, און דערציילט פאר די גאנצע אידישע קהלה אין ירושלים, וואס מיט זיי האט פאסירט, און פון דעם רעגען איז דאן גיווען א שנת ברכה וישועה, און ווער עס האט יענץ יאהר גיזייעט האט גיהאט א גרויסע ברכה, די צען מקובלים האבען בעקומען יעדער פון פאשא אויף 3 יאהר פראוויאנט, אבער אויף די גאולה שלמה ווייזט אויס מוז מען נאך אלע גוט מתפלל זיין.

## דער שפת אמת פרעגט

דער שפת אמת זצללה"ה, האט אמאהל פערהערט דאס חומש „פרשת בלק" דעם גערער רבין זצללה"ה, ווען ער איז נאך גיוועזן א קליין קינד, האט דער שפת אמת גיפרעגט אויף דעם פסוק „תמות נפשי מות ישרים ותהי אחריתי כמוהו", עס האט דאך גידארפען שטיין „כמוהם" א לשון רבים, ווייל עס געהט דאך ארויף אויף דעם ווארט „ישרים" אויף א לשון רבים ?, האט דער גערער רבי זצללה"ה גיענטפערט „כמוהו" איז דער טייטש אזוי ווי משה רבינו, ווייל מען געפונט אין מס' נדרים דף י' „נדר במוהי" מיינט מען משה, דער הייליגער שפת אמת האט זעיער נהנה גיוועזן פון דעם קלוגען ענטפער...

## ראש השנה

### א. שקלובסקי פ״ת

דער הייליגער צדיק הרבי ר׳ הירש אלימלך מדינוב, ווען עס פלעגט קומען ראש השנה פלעגט ער זיך פירען, דאס ער פלעגט נעמען דעם אר״י הקדוש׳ס סידור, און איהם אויך עפענען. און אזוי איז דער סידור געליגען אפענערהייט פארן עמוד די גאנצע צייט פון דאווענען, און ער פלעגט נישט איבערמישען די בלעטלעך, די נאנטע היימישע חסידים, ווען זיי האבען דאס בעמערקט האבען זיי איהם אמאהל גיבעטען ער זאל זיי זאגען דעם מיין פון די זאך, פארוואס האלט ער פאר די גאנצע צייט אפען דעם סידור און מישט גאר נישט איבער, און קוקט אין דעם סידור אפילו נישט אריין? האט זיי דער רבי ר׳ הירש מילך גיענטפערט, איך וועל אייך דערציילען א מעשה: אמאהל איז דער בעל שם טוב הקדוש געקומען אין בית המדרש אריין צו כל נדרי ער איז גיוועזן זעיער טרויעריג און נידער שלאגען, און נאך כל נדרי האט ער זיך עטוואס אפגערוהט, און נאכהער האט מען גיזעהען דאס ער איז גיווארען מלא שמחה און האט געזונגען דאס גאנצע דאווענען, נאך יום כפור האבען די מקורבים גיבעטען ביי דעם בעש״ט ער זאל זיי זאגען פארוואס איז ער עפעס פון אנפאנג כל נדרי גיוועזן [illegible] אומוטיג, און נאכהער איז ער גיווארען [illegible] פריילעך און לעבעדיג? האט דער בעש״ט צו זיי גיזאגט, הערט! און א [illegible] [illegible]

הויעלע גוים, איז גיוועז א אידישער ארענדאר וואס דער פריץ האט איהם זעיער ליעב גיהאט אין פלוצלינג האט זיך גימאכט אין דארף א מגפה ר"ל, אין דער אידישער ארענדאר מיט די פרוי זיינע זענען גישטארבען, נאר זיי האבען גיהאט א קינד פון 2 יאהר וואס דאס איז געבליבען לעבען, האט דער פריץ רחמנות גיהאט אויף דעם קינד, אין האט דאס גענומען צו זיך אין עס גיהאדיוועט פאר זיך, ווייל ער האט נישט גיהאט קיין קינדער, דאס קינד האט זיך אזוי גיהאדיוועט ביים פריץ, ער איז שוין גיוועז א אינגעל פון 12 יאהר אין ער האט נישט גאר געוויסט דאס ער איז א איד גיבורען און וואס איז אידישקייט. איינמאהל האט איהם דער פריץ דערציילט דאס ער איז א יתום, אין ער שטאמט פון אידען, און ער האט איהם גענומען צו האדיווען ביי זיך פאר רחמנות, אין ער האלט איהם פאר א זוהן, אין זיין גאנץ פערמעג מיט רייכטהום וועט אמאהל איהם גיהערען, ער האט איהם אויך געוויזען עטליכע זאכען, וואס זענען געבליבען אויפ'ן בוידעם, אין דאס איז די זאכען פון זיינע עלטערן, צווישען די זאכען האבען זיך געפונען א פאר חומשים אין דעם קרבן מנחה סידור וואס די מוטער פלעגט אין איהם דאוונען, נישט ווייט איז גיוועז נאך א דארף, וואס דארט האבען שון יאה ענצעלע אידישע פאמיליעס גיוואינט, אבער זיי האבען נישט גיהאט קיין מנין, אז עס פלעגט קומען סליחות צייט פלעגען זיי צופארען אין א נאהנט שטעטל צו זאגען סליחות מיט מנין, פלעגען זיי אדורכגעהן דורך דעם דארף אין דער אינגעל האט במקרה אמאהל דאס בעמערקט, האט ער ביי די אידען גיפרעגט ווי געהט איהר דאס אלע אידען צוזאמען ? האבען זיי איהם גיזאגט, מיר זענען אידען אין יעצט קומען אהן די פורכטליכע טעג, אין די טעג שרייבט דער בורא עולם יעדען אהן אין בוך אריין, ווי עס זאל איהם דערגעהן דאס גאנצע יאהר אין ווער עס איז זוכה ווערט איינגעשריבען צום לעבען אין צו אלעם גוטען, אין ווער נישט איז חלילה פערקעהרט, און צוליב דעם פארען זיי יעצט צו, אין איין ארט זיי זאלען קענען בעטען אין זאגען סליחות, פאר'ן רבש"ע אין דאס ווערט גיאמכט אין אזא פלאץ ווי עס איז דא א בעל תפלה, איין ערליכער איד וואס ער בעט פאר זיי, אין אייף אזא פלאץ ווערט די תפלות שנעלער אהנגענומען, ווי ער האט פון זיי די אלע ווערטער גיהערט, האט איהם א ביטערניש ארום גענומען, ווייל ער האט דאך שון געוויסט דאס ער איז אויך א איד.

ביינאכט האבען זיך זיינע עלטערען צו איהם בעוויזען אין חלום, אין איהם דערציילט די גאנצע געשיכטע אין איהם גיבעטען דאס אהנע שהיות זאל ער גלייך זיך אומקערן צום אידענטהום, ווייל ער איז א איד, אין אזוי איז גיוועז גאנץ עשרת ימי התשובה, אלע נאכט האט זיך איהם דאס זעלבע גיחלומט... זיי האבען איהם נישט צורוה גילאזט, אין זיי האבען איהם נאר גזאגט דאס ער זאל אוועק צווישען אידען, האט דער קליינער דאס דערציילט דעם פריץ, האט איהם דער פריץ גונישט גימאכט די חלומות, און פון איהם געלאכט, נאר איינער א חלום איז גארנישט אזוי האט איהם דער פריץ גיזאגט

ביינכט זענען ווייטער דער פאטער אין מוטער צום חלום געקומען, אין האבען איהם שוין דאס מאהל גיוואלט ווערגען, אויב ער וועט זיי נישט הערען, האט ער שון זעיער מורא געקריגען, און ווי עס איז געקומען ערב יום כפור האט ער ווייטער גיזעהען ווי די אידען פאהרען א דורך דורך זייער דארף, די מענער

וויבער און קליינע קינדער נעמט מען מיט, האט ער זיך גיפרעגט און וואס איז יעצט? האבען זיי איהם גיענטפערט, אז מארגען איז שוין יום כפור, אזא טאג וואס דער רבש״ע פערגיבט די זינד, און חתמעט אהן צום לעבען די וואס זענען זוכה, און אין דעם טאג קען מען זיך איסבעטען אלעס בעסטע אויף א גאנץ יאהר. האט איהם ווייטער א גרויסער ביטער ארומגענומען, און דאס אינגעל האט פיעל נישט גיקלערט נאר ער איז גלייך גילאפען ארויף אויפ׳ן בוידעם - שטיבעל, און האט גיכאפט די מוטער׳ס קרבן מנחה סידור וואס די מוטער האט אפט גידאווענט אין איהם, און איז נאך גילאפען די אידען און שטאט אריין, און איז בדיוק אנגעקומען צו כל נדרי, האט ער גיזעהען ווי אלע אידען זענען איינגעהילט אין ווייסע קיטלען מיט טליתים, אין האלטען מחזורים אין דער האנד, און יעדער בעט און וויינט. האט דאס אינגעל אויך אנ־גיהויבען שטארק צו וויינען, ווייל דאווינען האט ער דאך נישט גיקענט, און דאן גיווארען א גרויסער רעש אין הימעל, דאן האט דער בעש״ט גיהאט שטארק צער, ווייל ער האט מורא גיהאט טאמער וועט נאך דער אינגעל וועלען צוריק געהן צו דעם פריץ.

ובנתיים האט זיך דאס אינגעל מישב גיוועזן און האט גיזאגט: רבש״ע איך ווייס נישט וואס צו זאגען און וואס צו דאווענען, דא האסטו רבש״ע דעם גאנצען סדור, און האט גיעפענט דעם סידור און האט איהם אנידער געלעגט אויף דעם שטענדער, און האט זיין קאף גילעגט אויף דעם סידור, און האט זעיער גיוויינט און אמתדיג תשובה גיטאהן מיט׳ן גאנצען הארץ, און זיין תפלה האט גימאכט א שטארקען רושם אין הימעל און זיין תשובה איז זאפארט גענצליך אנגענומען גיווארען, און דערפאר האט זיך שוין דער הייליגער בעש״ט שטארק גיפרייט נאך כל נדרי, און האט שוין גידאווינט מיט שמחה, אזוי אויך האט דער רבי ר׳ הירש מילך אויסגעפיהרט, מיר ווייסען אויך נישט וואס מכוין צו זיין, דערפאר נעמען מיר אויך דעם אר״י הקדוש׳ס סידור, און מיר מישען איהם אויף עס זאל ליגען אפען פאר די צייט פון דאווינען, און אין דעם סידור שטייען דאך אלע אלע „כוונות״ וועט דער רבש״ע אהנעמען אזיוערע תפלות גלייך ווי מיר וואלטען מיט אן אמת מכוון גיוועזן אלע כוונות, פון דעם קענען מיר אויך זעיען די גרויסקייט פון די הייליגע צדיקים און זייער עניוות, וואס יעדער ווייסט דאך אז דער ר׳ הירש מילך איז גיוועזן בקי אין קבלה, און אין אלע ספרי האר״י הקדוש, און דאך האט ער זיך אזוי קליין גיהאלטען, כאלו ער וואלט נישט געוויסט מכוין צו זיין גארנישט, נאר ער האט גיעפענט דעם סידור און גיזאגט רבש״ע! אין סידור שטייען דאך זיכער אלע כוונות, יהי רצון כאלו איך וואלט מכון גיוועזן אלעס וואס מען דארף מכון זיין, וואס דארפען נאך מיר פשוטע מענטשעלעך דערויף זאגען, מיר דארפען לכל הפחות בעטען יהי רצון, אז מיר זאלען קענען מתפלל זיין ערליך מיט א צובראכען הארץ, און מיר זאלען זוכה זיין מיט אנאמת תשובה צו טאהן און פערשריבען צו ווערען בספרן של צדיקים גמורים, און מעל זאל האבען א שנת גאולה וישועה.

# דער חכם צבי

## הרב יצחקי

דער הייליגער גאון וצדיק דער בעל החכם צבי זצלל״ה, אויף די עלטער איז איהם גישטארבען זיין רביצין, אין א לענגערע צייט איז ער גיווען אהן א פרוי, א מאהל האט גיטראפען דאס איין עלטער מיידעל, א יתומה אהן פאטער און מוטער, און זי האט ממש נישט גיהאט צו עסען, האט זי בעשלאסען טראץ איהר בעשיידענקייט ארום צו געהן בעטען נדבות אבער נאר צו אנטשטענדיגע מענטשען, האט אויך גיטראפען אז צופעליג האט זי אנגיקלאפט נאך א נדבה ביים חכם צבי זצלל״ה, ווי זי האט דערזעהען זיין ליכטיגע צורה, האט זי אנגיהויבען וויינען, איך זעה דאך האט זי צו איהם גיזאגט, אז איהר זענט א ג־טליכער מענטש, רבי! זייט מתפלל אז איך זאל קריגען מיין ריכטיגען זיווג, אין דערביי האט זי זיך שטארק צו וויינט, האט איהר גלייך דער חכם צבי ז״ל גיענטפערט, הער איך האב נישט קיין פרוי, וואלסט וועלען מיט מיר א שידוך טאהן? יאה: האט זי גלייך גיענטפערט, ער האט איהר באלד גיגעבען אלע הצטרכות בריוה, אין זי האט זיך גענומען גרייטען צו א חתונה אין צום יאהר האט זי איהם גיבורען א זוהן, צום אכטען טאג ווען דער ברית האט גידארפען פארקומען, זענען אנוועזענד גיווען די גרעסטע לומדים וצדיקים פון דער וועלט, ווייל דער חכם צבי האט זיך אין זיינער צייט גירעכנט פון די גרעסטע וועלט׳ס מנעטשען (עס איז דאך בעוואוסט אז ער האט דאך א מאהל בעשאפען א מענטש) אבער ווי מען איז אריין צו די יולדת נעמען דאס קינד מל צו זיין, האט זי נישט גיוואלט ארויסגעבען דאס קינד, נאר עס זאל צו איהר אריינגיין דער מאן דער חכם צבי, זי האט מיט איהם צו רעדען, ווען ער איז אריין האט זי צו איהם גיזאגט, הער מיין טייערער מאן! שון 8 טאג פונם מאמענט ווען דאס קינד איז אינץ גיבוירען גיווארען, איז אריין א ליכט אין שטוב, אט זעהסט דאך. אין היינט לעבען מיר ביידע צו־זאמען אין מיר זענען נהנה פונם אור צוזאמען איך ווייס דאך דאס די ביסט שוין איין אלטער מאן, וויל איך זאלסט מיר צו זאגען, אז אויך ביי די חתונה זאלן מיר צוזאמען זוכה זיין אונזער ליכט, ביידע צוזאמען איהם צו פיהרען צו די חופה, האט דער חכם צבי הויך גיענטפערט אמן, און גיזאגט בעשטימט וועט אי״ה אזוי זיין, דאן האט מען גענומען מיט גרויס שמחה דאס קינד, אין מל גיווען, בעת די סעודה ווען דער חכם צבי האט תורה גיזאגט האט ער צווישען אנדערע גיזאגט, אז די חכמה פון א אידענע איז נאר אויבערפלעכלעך, ווען זי וואלט פון מיר פערלאנגט אז איך זאל איהר צוזאגען אז מיר זאלען ביידע דערלעבען צו זיין אויף דעם קינד׳ס אייניקעלס א ברית, וואלט דאס אויך מקוים גיווארען, אזא עת רצון האט זי דאן מעורר גיווען, אבער יעצט איז שון פערפאלען, אין דאס קינד איז נישט גיווען קיין אנדערער נאר ר׳ יעקב עמדין זצלל״ה דער יעב״ץ, און ביידע האבען טאקי געפיהרט דאס קינד צו די חופה אין גלייך נאך דעם איז דער חכם צבי נפטר גיווארען, זכותם יגן עלינו אמן.

# חושד בכשרים

אין ווארשא, איז אמאל פארגעקומען א אסיפת הרבנים, עס האבן אנטייל גענומען די גרעסטע וועלטס רבנים, אין מען האט בעהאנדלט זעיער וויכטיגע פראגען, און עס זענין אנגע־נומען גיווארען פערשידענע רעזולוציעס, און בעשלוסען, אויף לחזק הדת והיהדות.

ווען די גרויסע אסיפה האט זיך גיענדיגט האט דער יושב ראש פון די אסיפה ערקלערט דאס ער מאכט א גרויסע סעודה פאר אלע רבנים אין בני תורה, וועלכע האבן אנטייל גענומען אין די אסיפת הרבנים, און ער וועט זיי ווייזען א זאך, אז עס וועט זיין פאר אלעמען אוואונד־ערליכע איבערראשונג.

ביי פיין סערווירטע טישען זיצען אלע רבנים אין חשובי ת"ח, מען עסט און מען שמיעסט אין תורה, און די לופט שוועבט מיט קדושה,

אין מיטען די סעודה, ברענגט אריין דער יו"ר פון די רבנים, א גולדענע מטבע, און ווייזט פארן עולם, זעט! מיינע טייערע רבנים ות"ח די מטבע איז פון די צייטען פון דוד המלך ע"ה דאס איז פון די גרויסע עתיקות, די מטבע איז מיין נישטא אויף די גאנצע וועלט, נאר ווי די איינע דאס האט מיין פעטער ר' שאול וואהל זצ"ל גיקויפט, זי איז געליגען און א מוזעאום הונדערטער יארען און ער האט אוועק גיגעבן פאר די מטבע א פערטל פון זיין פערמעג. . .

הערנדיג דאס, האט יעֶדער זיך גערוסען זו צו זעיען און יעדער האט אזוי צוטריג און מיט אזא יראת הכבוד גענומען און די האנד, דאס צו בעקוקען און אזוי איז די מטבע גיגאנגען פון האנד צו האנד און אין מיטען איז פלוצלינג די מטבע פערפאלן גיווארן,

דער יו"ר בעט זיך טייערע רבנים זוכט מיר אף די מטבע, קודם כל איז דאס ווערט א הון און צווייטען דאס איז דאך ביי מיר א ירושה פון מיין פעטער ר' שאול וואהל זצ"ל, אלע רבנים זוכען ווי נאר אין איין ארט, און די מטבע איז נישטא,

דאן איז אופגישטאנען איינער פון די רבנים, און רופט אוס רבותי! זאל טאקי זיין, אז מיר זענין נישט ח"ו קיין גנבים... אבער א פאקט איז דאך אז די מטבע איז נעלם גיווארן, אין זי איז נישטא איך וויל זיך נישט אפגעבען קיין דין וחשבון פארוואס פאר ווען, איך טראג אריין א פארשלאג אז מען זאל צושליסען די טיהר, אין יעדן איינציגען, זאל טאקי זיין א רב.... אבער בעזוכען זאל מען איהם גרונדליך ביז מען וועט געפונען די מטבע...

דאן האט זיך אופגישטעלט איינער פון די אלטע רבנים, אין גיזאגט עה, עס פאסט נישט, איך בין געגן דעם, מיר האבן דאך נישט דא צו טאהן מיט קיין גנבים, איך האלט אז מען דארף נאך גענוג זוכען, אונטער די טישען אוף דער ערד, און ווי נאר איין ארט און מען האט צוליב גיטאהן דעם אלטען רב און מען האט נאך געזוכט איבער א גאנצע שעה נאכדעם. נישט בעזוכנדיג קיינעם. אבער אהן ערפאלג,

אין דאן איז ווייטער אופגישטאנען דער פריערינער רב אין גיזאגט רבותי! עס וועט גארנישט העלפען, נאר ווי איך האב בעפאר גיזאגט. דאס מען זאל צושליסען די טיהר, און קיינעם נישט ארוס לאזען און גוט יעדן בעזוכען אצונד האבן אלע מסכים גיווען צו דעם רב"ס פארשלאג, אין מען האט פערשלאסען טאקי די טיהר און מען האט זיך גיגרייט צו די ארבייט...

דאן איז ווייטער דער אלטער רב גיווען דאגעגן אבער מען האט איהם נישט מיין גיפרעגט, מען האט אויך בעמערקט אז דער אלטער רב ווערט כמעט משונה צורה דאן האבן זיך אלע איבער גיבליקט, אין גיסודט זיך לוט ווי עס קוקט אוס דאס דער אלטער רב די מטבע צוגיגנבעט...

און ווי מען האט גיוואלט נעמען דעם ערשטען רב צובעזוכען איז גיווארן א רעש אז אין קוד ווי מען איז גיגאנגען וואשען די כלים פון די פיש. וואס מען האט גיגעסען. איז די מטבע גיווען צוגיקלעבט צו א טעלער, לכן איז די מטבע געפונען גיווארען. עס איז גיווארען א גרויסע שמחה, מען האט זיך צוריק גיזעצט צו די טישען עס האט זיך טאקי ארוסגעוויזען מיט איין אמת. אז רבנים זענין נישט חלילה קיין גנבים..

ווי אלע זענין גיזעצןביים טיש האט דער אלטער רב א רגע געבומען דאס ווארט אין גיזאגט, הערט רבנים איך ווייס אז אלע ווי איינער האבען מיך חושד גיווען אז איך האב גיגנבעט די מטבע, ווארום איך בין דאך כסדר גיווען געגן בעזוכען, הערט אנייעס אין שטוינט איז ממשיך דער רב אזוי ווי דער יו"ר האט אינץ איינגילאדען אויף די סעודה, און גיזאגט אז ער וועט אינץ ווייזען איין איבער ראשענדע נייעס ד.ה. א הפתעה, האב איך אויך דא אויף די סעודה אייך גיוואלט מאכען א הפתעה האב איך זיך דערמאנט אז איך האב א מטבע פון דוד המלך'ס צייטען האב איך זי מיט גענומען אייך דא צו ווייזען, ארוסגעוויזען האט זיך, אז דער יו"ר האט מיר אוסגיכאפט, אין ער האט בעוויזען די מטבע, אין מיינע איז די זעלביגע מטבע ממש, נאר ווייל דער יו"ר האט גיזאגט אז עס איז מיין נישטא אויף די גאנצע וועלט ווי די איינע מטבע. האב איך איהם נישט גיוואלט מאכען פאר קיין ליגנער, יעצט שטעלט אייך פאר. ווען מען וואלט גיוועסט יעדן בעזוכען, אין ביי מיר וואלט מען דאך געפינען די מטבע אין איך בין זעיער איין איידעלער בטבע, איז קלאר ווי דער טאג, איך וואלט אוועק גיפאלען א טוטער פאר בושה יעצט וואלט גיווען א חילול השם אזא אלטער רב א גנב . . . דאביי האט דער אלטער רב ארוס גענומען א קליין פעקעלע די מטבע איז גיווען איינגעוויקלט אין וואטע, אין אלע האבן גיזעין טאקי די זעלבע מטבע...

דאן האבן אלע גידאנקט דעם רבש"ע פארן חסד אז עס איז נישט צו געקומען צו קיין שפיכות־דמים און די סעודה האט זיך נאכהער גיצוגען נאך א גאנצע נאכט נאנט צו טאג האט מען גיבענטשט און מתוך התרוממות הקדושה האבן זיך אלע גיזעגנט צוזאגנדיג זיך

אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו

# מען דארף זי איבערבעטן

צים קוזניצער רבין פלעגט פארן זעיער אפט א אינגערמאן פון די גרויסע חסידים פון קוזניץ, אין אלע מאל פלעגט ער נאר בעטן איין בקשה, שון נאנט צו צען יאר זיין הוכצייט, אין צו קיין קינד האט ער נישט נאך זוכה גיוועזן אין קיינמאל פלעגט ער נישט זוכה זיין צו קיין פאזיטיווען ענטפער, די פרוי זיינע יהודית איין אשת חיל אין איין אמת'ע אשת חבר, פלעגט פיל מאל זיך צונאנד ריידען מיט איהר מאן, היתכן? אלע פאר וואכען פארסטו צום רבין אין ביסט אזא מקורב, און פון די שיינע חסידים, אין ביסט נישט נאך גיהאלפען גיווארען, ווי קען דאס זיין. (ווייל זי האט גיהאט שטארקע אמונת הצדיקים) איז נישט אנדערש נאר די מוזט גאר דעם רבין ווענן דעם נישט אמאל דערמאנען, ווייל די זאך גייט דיר נישט אן, אין זי פלעגט איהם אזוי אלע מאל, לעבעדיג מאכען, ווען ער פלעגט קמען צוריק פן א נסיעה פון קוזיניץ.

א מאל האט גיטראפען, ווען דער חסיד איז צוריק געקומען פון אזא נסיעה, האט זי זיך צו איהם גענומען אז ער האט זיך קיין ארט נישט גיקענט גיפינען, זי האט שרעקליך גיוויינט אין ספאזמירט, אין אם ענדע האט זי צוגישווארען צום מאן, אוב ער פארט נישט ממש שון צוריק, אז דער רבי זאל איהם פערשפרעכן צו האבן א קינד אנטלופט זי פון שטוב אין א שיינעם פרימארגען, אין ער וועט נישט וויסען ווי זי איז אפילו אהין געקומען, א ווייך הארץ האט דער חסיד גיהאט, אין דא האט זי זיך אזוי ערנסט צו וויינט, איז איהם דאס הארץ צובראכען, גיווארען, און אין דעם זעלבן טאג איז ער נאך נאכאמאל גיוועזן אין קוזניץ, אין מיט דעם זעלבן צובראכן הארץ, איז ער אריין צום רבין, רבי! אזוי אין אזוי איז גיוועזן די מעשה, אין איך קען שון מיין נישט צוקיקען דעם צער פון מיין צניעות'דיגע פרוי, אין איך וועל דא אזוי לאנג זיין ביז דער הייליגער רבי וועט מיר צוזאגען צו האבען קינדער צום לעבן...

דער קוזניצער מגיד האט זיך אזוי ערנסט פארטראכט א פאר מינוט, אין א טוט שטילקייט האט גיהערשט אין צימער, בנתיים האט דער קוזניצער מגיד גיזאגט הער! מען זאגט דאך דאס די ביסט א נגיד דאס קען איך דיר יא טאן, אוב די ווילסט פערבייטען אוועקגעבן דיין פאר־מעג פאר קינדער, קען איך דיר דאס טאהן, אין קיין אנדער עצה האב איך נישט פאר דיר.

איך וועל פרעגן מיין פרוי אוב זי בעשטייט דערויף, איז גיוועזן דעם חסיד'ס תשובה אין ער האט זיך גיזעגנט.

ווען ער האט זיין פרוי פארגילייגט דעם מגיד'ס בעדינג, האט די פרוי זיך פון איהם צולאכט אין דאס לעבן וואלט איך נישט אוועק גיגעבן פאר א קינד?

אף צו מארגנ'ס איז אינזער חסיד צוריק גיפארען צום מגיד. אין איבער גיגעבן, דאס נאך א ישוב הדעת האבן זיי בעשלאסען יהיה מה שיהי', זיי זענין גרייט אבגעבן דאס

פארמעגן, און דער רבי זאל זיי צו ווינצ'ען א קינד צום לעבן.

דער מגיד האט געזאגט פאר אהיים אין נעם צונאנד אלץ וואס די האסט אין פערקויף, אין זע דערפון צו האבען מזומנע געלד, נאכהער זאלסטו מיט די געלד אריין פארן צום לובלינער רבי, רבי יעקב יצחק זצלל"ה, אין ער זאל איהם זאגען אז דער מגיד האט געבעטן ער זאל איהם זאגען וואס האט ער צוטאהן, אום בכדי ער זאל זוכה זיין האבן א קינד.

ער איז אבגיפארען קיין לובלין אין ריכטיג איבער גיגעבן גענוי וואס דער מגיד האט איהם גיהייסען, דער לובלינער האט איהם גיהייסן זיין אין לובלין א שטיקל צייט.

איינמאל לאסט איהם דער לובלינער רבי רופען, אין פרעגט איהם זאג מיר מיין טייערער, ביסטו אמאל נישט גיווען מיט א צייט צוריק א חתן פאר איין אנדער כלה? יא רבי! אין די האסט אפגילאזט דעם שידוך? יא! אין די האסט זי איבערגיבעטן? איך גידענק שון נישט, עס איז שון 17 יאר צייט, הער! זאגט איהם דער לובלינער רבי, די האסט זי נישט איבער־גיבעטען אין זי האט דיר נישט מוחל גיווען, אין איך האב פאר דיר קיין אנדער עצה, נאר די מוזט זי אבזוכען, אין די זעלבסט זאלסט איהר איבערבעטען, וועו אפילו עס זאל דיך דארפען קאסטען דיין גאנץ פארמעג, די כלה איז זעיער זעיער ווייט פונדאנען, אין איך ווייס נישט ווי אזוי דו וועסט קענין צו קימען צו איהר, נאר איך וועל דיר געבן איין עצה, הער: אין א פאר וואכען ארום קומט פאר אין באלטא א יאר יריד, דארט אוף דעם יריד, וועסטו זי טרעפן זאלסט נישט א היים פארן ביז די וועסט זי טרעפן, אין ער האט שון גיזעגנט דעם יונגערמאן.

דער חסיד הייבט זיך אן צו בעטראכטען, פון שטיב איז ער ווייט, קיין באלטא איז גאר ווייט איידער ער וועט צו זיך אהיים פארן, און פון דארט פארן נאך באלטא, קען ער דעם יריד א מאל פערשפעטיגען, לכן, האט ער פאר זיך געזעיען, עס איז בעסער שון צופארן פון לובלין, גלייך קיין באלטא, אין אזוי האט ער טאקי גיטאן, אין משך פון עטליכע טעג, איז ער געקומען נאך באלטא. אין באלטא איז ער גיוואר גיווארען. אז צום יריד איז נאך דא גאנצע 3 וואכען, האט ער זיך דערווייל געדינגען א צימער, אין איז אוועק אין בית המדרש, אין גילערנט גישמאק, אמתע תורה לשמה. נאר 2 שעה יעדן טאג. האט ער זיך ארומגילאזט אין גאס, גיוואר ווערן וועגן זיין א מאליגע כלה, **אסתר שפרה** אלע האבן פון איהם גילאכט. קיינמאל האט דא אזא איינע נישט גיוואוינט אין שטאט. עס איז שון נאנט צום יריד, אין זיינ'ס האט ער נאך גאנץ ווינציג ערלעדיגט, אבער ער האט זיך גישטארקט, אין גיווארפען זיין בטחון אופ'ן רבש"ע, אוך טראכט־נדיג אז בעשטימט וועו דער מארק וועט זיך עפינען, וועט זי אודאי אוך זיך גיפונען אופ'ן מארק דער מארק איז שון 15 טאג אפען, אין אלע טאג גייט ער זי זוכען אבער אנע שום שפירען פון די זאך, נאך 15 טאג איז פערבליבען פון מארק שלוסען, אלע טאג זוכט ער אין פרעגט זיך נאך ווי נאר אין איין ארט אבער אלץ אן ערפאלג. דער מארק איז שון גישלאסען, אין ער האט שון גיוואלט אהיים פארן, אבער אין די לעצטע רגע האט ער זיך דערמאנט, דאס דער לובלינער רבי האט דאך איהם גיזאגט, אז ער זאל נישט אוועק פארען, ביז ער וועט די זאך נישט ערלעדיגען, לכן מוז מען אזוי לאנג זיין אין זוכען ביז דער רבונו של עולם וועט זי שון מזמין זיין, אין אזוי ווי ער טראכט דאס אלעס ביי זיך, הייבט אן גיין פלוצלינג א שלאגפרעגן, איינזער חסיד האט

אנגיהובען זוכען א פלאץ צו בעשיצען זיך פון שטארקען רעגן, האט ער פונדערווייטען גיזעיען א גרוסען באלקאן (טעראסע) וואס פון הינטען איז גיווען א גרוסער דאך. אין עס זענין שון גישטאנען פיל מענטשען, כדי צו בעשיצען זיך פון רעגן. אינזער חסיד האט אויך פיל נישט גיקלערט, און זיך אויך גישטעלט אינטערן דאך זיך צו בעשיצען פון רעגן. ווי ער האט זיך גישטעלט, איז אויך במקרה גישטאנען א הויך עלעגאנטע פרוי. הערליך שיין גיקליידעט אין אן גיצירט מיט פיל גולד אין ברילאנטען, גלייכצייטיג פערפומירט מיט די טייערסטע בשמים און בעגלייטונג פון נאך א חבר׳טע האט אודאי אינזער חסיד נישט גיוואלט שטיין לעבן איהר, אין האט זיך עטליכע טריט דער ווייטערט פון איהר. האט די פרוי זיך הויך צולאכט, אין גיזאגט צו איהר חברטע. זע נאר ווי דער מענטש דער ווייטערט זיך שטענדיג פון יוגענד אן אזוי פון מיר. איך בין דאך א מאל גיווען זיין כלה הגם איך בין פיל רייכער פאר איהם האט ער זיך פון מיר דערווייטערט, אין אנטלאפען, יעצט דא קען ער זיך בעשיצען פון רעגן, נאר צוליב מיר דערווייטערט ער זיך ווייטער. ווי דער חסיד. האט דאס דערהערט גייט ער צו צו איהר, אין פרעגט זי וואס זי זאגט, זאגט זי ווייטער זע נאר, די דערקענסט מיך נישט? איך בין דאך דיין גיוועזענע כלה אסתר שפרה. אין זי זאגט איהם אלע סמנים, ער האט זי טאקי באלד דערקענט, אין האט זי אוס גיפרעגט צו זי האט קינדער, אין צו זי איז טאקי רייך, אין ביים זעלבן גילעגענהייט האט ער איהר דערציילט דעם גאנצען אמת פון קוזניצער, אין פון לובלינער אין דעם גאנצן תכלית פון זיין קומען דא אין באלטא, כדי ער זאל זי איבערבעטן אין זאל דערפאר זוכה זיין צו האבן קינדער. דערביי האט ער איהר גיגעבן אנציגיהערן אז וויפיל זי וויל קריגט זי פון איהם נאר זי זאל איהם מוחל זיין, אסתר שפרה האט איהם גיענטפערט! הער מיין טייערער! איך בין געגוג רייך אין דארף גארנישט. נאר אין סובאלק האב איך איין ארימאן א ברידער, ער דארף חתונה מאכען אין אוב וועסט איהם געבן 2 הונדערט רענדלעך אויף חתונה בין איך דיר געגצליך מוחל אין וועסט גיהאלפען ווערן.

סובאלק איז זעיער ווייט, איבער 100 מייל, בעט זיך דער חסיד גא דיר די 200 רענדליך. אין גיב די אסתר שפרה איהם דאס איבער, לאכט אסתר שפרה ווען איך וואלט גיהאט אגילעגנהייט איהם צוקענין זעיען וואלט איך דאך איהם גיגעבן פון מיין געלד, פארוואס האסטו נישט קיין גילעגנהייט פרעגט דער חסיד פערווינדערט? דאס וועסטו שון וויסען א צווייט מאל.

נישט האבנדיג קיין עצה האט אינזער חסוד געדונגען א פוהר. אין איז גיפארן נאך ווילנא.. אין פון דארט קיין סובלק. ער האט שון כמעט מיט איין אמת די גאנצע געלד גיפטערעט אויף די בלוזע נסיעות. אין ענליך נאך א סאך טעג רייזען איז ער אנגיקומען קיין סובאלק.

דער חסיד איז ארוס אין גאס, אין זיך גיפרעגט אויף וועלוויל דעם ארענדאר מען האט איהם גלייך אנגעוויזען, וואס מאכט איהר ר׳ וועלוויל? פרעגט גלייך דרייסט אינזער חסיד. דער גיט איהם שלום, אין פרעגט פון וואנען איז א איד. אין וואס וויל ער דא, איך האב גיהערט אז איהר דארפט געלד חתונה צו מאכען, האב איך אייך גיברענגט געלד, טאקי ריכטיג זאגט וועלוויל, עס איז זעיער אוואילער שידוך אין איך האב שון ב״ה באלד גיהאט צונאנד גישטעלט דעם נדן מיט די חתונה הוצאות, איז אינמיטען געקומען א בעפעל פון

פריץ, וואס איך האלט די ארענדע, אז איך זאל איהם קודם העכערן 100 פראצענט, אין איהם בעצאלען פארן יאר, טראץ דעם עס איז נאך דא 5 חדשים צים יאר, אבער מיט אינזער פריץ דער רשע איז זיך נישט צושפילען, ווייל אויף צו מארגענ׳ס קען איך זיצען אין דרוסען, האב איך קודם די געלד אוועק געשיקט צום פריץ, אין יעצט קען איך אזא ריזען סכום נישט צונאנד שטעלן, אין שון 8 טאג ווי איך האב בעקומען פון די מחותנים א בריוו, ווען איך בעלייג נישט דעם נדן, אין גרייט נישט די חתונה אין משך פון 4 וואכען, לאזט ער ער אף דעם שידוך, אין דאביי האט זיך וועלוויל שטארק ציווינט, אין דער חסיד טרייסט איהם, קיין שום בייז וועט נישט זיין, איך גיב אייך דעם סכום, ווער זענט איהר דאס? אין מיט וואס פארא רעכט קען איך ביי אייך נעמען אזא סכום פון ביז 200 רענדליך? דערציילט אינזער חסיד ר׳ וועלוולען די גאנצע מעשה, אין פירט אוס דאס די שווערסטע מיט 8 טאג צוריק האט ער איהר גיזעיען אין באלטא. אין זי האט איהם דאס גאנצע עסק שון דערציילט זאגט ר׳ וועלוויל ענטשולדיגט זעיער איהר זענט א ליגנער! מיין שוועסטער אסתר שפרה איז שון טויט 15 יאר, אדערשראקענער איז דער חסיד גיבליבען שטיין פון די ווערטער, אפשר מיין איך איין אנדערן? אין נעמט איהם נאכאמאל אוס פרעגן, אבער אלץ שטימט גענוי, אפילו אז די אסתר שפרה איז שון טוט 15 יאר... ווייל נישט ווייט איז גיוועז דער בית הקברות, האט וועלוויל איהם דארט ארוס פערבעטן אין ער האט גיזעיען אפילו אוף די מצבה, מיט 15 יאר צוריק איז דא אסתר שפרה בעגראבען גיווארען.

יעצט האט זיך דער חסיד גיכאפט וואס זי האט איהם די לעצטע ווערטער גיזאגט, ווען זי וואלט איהם גיקענט זעיען וואלט זי איהם אליין גיקענט געבען דעם סכום געלד, ער האט דעם סכום איבערגילאזט, אין צוריק גיפארען נאך לובלין צום חוזה, אן אלץ איהם דערציילט, האט דער לובלינער גיזאגט, אוף דיר איז נגזר גיווארען זאלסט קיין קינדער נישט האבען ווייל די האסט זי נישט איבערגיבעטן אין זי האט דיר נישט מוחל גיוועז, שטעל זיך פאר וואס פאר איין ארבייט מיר (איך מיטן קוזיניצער מגיד) האבן גיהאט, איידער מען האט די טוטע נאך 15 יאר אהער אראף גיבראכט, יעצט האט זי דיר ריכטיג מוחל גיוועז, וועלוויל איז אוך איין ערליכע איד, וועסט זוכה זיין צו קינדער לומדים מופלגים אין יראי שמים, אוב וועסט וועלן קענסטו זיך מיט זיי אוך משדך זיין אין אזוי איז טאקי גיוועז..

# דער הייליגער בעלזער רב איז מציל אידישע נפשות

דער הייליגער בעלזער רב פלעגט זיך פירען, דאס ער האט קיינמאל נישט געבענטשט קיין פרוי, נאר א כלה פאר די חופה. איז אמאהל פארגעקומען דאס איין אידישער פויער האט חתונה גימאכט זיין טאכטער, איז ער אוועק גיפארען מיט די כלה צו דעם בעלזער רב ר' שלומקע ער זאל איהר בענטשען, האט איהם זיין פרוי נאך געשריגען, זאלסט גידענקען דעם רבי'ן צו דערמאנען אז ער זאל מתפלל זיין, אז מען זאל זוכה זיין אינזערע אלע קינדער מגדל זיין מתוך הרחבה, זאלסט אויך נישט פערגעסען צובעטען ביי דעם רבין, דאס ער זאל מתפלל זיין די קוה אינזערע זאלן זיך גוט מעלקען, און מען זאל נעמען א גוטען פרייז פאר די תבואה, גידענק דאס אלעס צו בעטען פון רבין. ווי זיי זענען געקומען קיין בעלז, אין דער פויער איז דארט גיוועז איבערן טאג און ווען ער איז אריין צום רבי'ן האט דער רבי גיבענטשט די כלה ווי זיין מנהג איז גיוועזן, דערביי האט דער פויער גידענקט צו בעטען אלע פערלאנגען וואס זיין פרוי האט איהם נאכגעשריגען. אז די קינדער זאלען זיי קענען בריות ובשפע חתונה מאכען און די בהמות זאלן זיך מעלקען, די תבואות מיט די פירות זאלן זיי פערקויפען מיט הצלחה א. א. ז. וו. האט דער בעלזער רב זיך צו איהם אנגערופען אין גיזאגט, אז עס וואלט זעיער גלייך גיוועזן. אזוי ווי ער פארט אין וועג זאל ער מתוודה זיין זיך אויף זיינע זינד. און דער פויער האט זיך נישט גיכאפט וואס דער בעלזער רבי מיינט, און ער האט נאכאמאל גיבעטען אויף די קוה אין א. ז. וו. האט איהם דער רבי נאכאמאל גיענטפערט אז עס וואלט זעיער גלייך גיוועזן דאס אזוי ווי ער פארט אין וועג, זאל ער זיך מתודה זיין אויף עונות פשעים און חטאים. אין דער פויער האט ווייטער גיבעטען זיין פערלאנג ווי בעפאר. נישט פערשטייענדיג וואס דער רבי רעדט צו איהם. האט דער בעלזער רבי זיך גיטראכט פיללייכט ווייסט ער נישט וואס מען מיינט, זיך מתודה זיין, האט ער איהם נאכאמאל גיזאגט. דאס אזוי ווי ער וועט ארוספארען זאל ער זיך מתודה זיין, דהיינו: ער זאל זאגען די ווערטער אשמנו. בגדנו, גזלנו כו', לצנו מרדנו נאצנו סרנו שקר סרנו ממצות ה' א. א. ז. וו. אין דער ארענדאר האט נישט פערשטאנען וואס דער בעלזער רבי מיינט דערמיט צוזאגען און האט ביי זיך גיטראכט. איך פערשטיי נישט דעם גאנצען ענין, איך בין געקומען דאס ער זאל בענטשען די כלה. און בעטען אויף די אלע אויבענדערמאנטע זאכען. צום סוף ענטפערט מיר דער רבי איך זאל זאגען וידוי ? און ער איז אוועק פון רבין מיט א צובראכען געמיט. און זיי זענען אוועק גיפארען. ווי נאר זיי זענען אפגעפארען א שטיקעל צייט. האבען זיי פערפארען אין א ווילדען וואלד אין האבען גיבלאנדזעט א גאנצע נאכט. ביז זיי זענען צוגע־קומען צו אזא וואסער מיט זומף אין ליימען און די פערד מיט'ן וואגען האבען גענומען זינקען אין טרענקען, זיי זענען אראפ פון וואגען. און ווי נאר זיי האבען אוועק גישטעלט זייערע פוהס האבען זיי אויך גענומען זינקען ביזן האלץ. נישט קענענדיג צוריק ארוס. האבען זיי זיך דאן דערמאנט וואס דער רבי האט זיי דאן גיזאגט. אז מען פארט אין וועג איז גלייך

מען זאל זאגען ווידוי און זיך מתודה זיין. האבען זיי אלע אנגיהובען וויינען מיט א ביטער געוויין, און הויך גענומען שרייען צו ג"ט מיט'ן גאנצען הארץ. אין יעדער איינער האט זיך מתודה געווען אויף זיינע זינד, און געשריגען צום רבש"ע מיט'ן גאנצען כוח.

ווי גרויס איז געווען זייער שמחה. ווען זיי האבען גיהערט פון דערווייטען'ס עפעס ווי איינער שרייט וויו אויף זיינע פערד, און זיי זעען טאקי פונדערווייטען פארט א מענטש מיט גרוס גיכקייט מיט א וואגען און פערד אין איילט זיך אנטקייגען זיי, בוז ער איז צוגעקומען נאנט און האט זיי ביסלעכווייז ארויסגעצויגען פון די זומף אין אויך די פערד מיט דעם וואגען. און האט זיי ארויסגעפיהרט אויף דעם כביש פון ווי ער איז געקומען. ער האט טאקי גוט געשוויצט און גיארבייט דערביי שווער. אבער ער האט מצליח געווען אין האט זיי אלעמען ארויין געפיהרט אין א קרעטשמע (מלון), וועלכע האט זיך געפונען אין די סביבה. דארט האבען זיי זיך אפ גערוהט. אין שטארק גידאנקט דעם אייבירשטען פארן גרויסען נס וואס ער האט זיי גיטאהן. ווייל נאך א קליינע צייט וואלטען זיי געוועסט איינגאנצען איינגעזונקען ווערן. און עס וואלט אפילו קיינער נישט וויסען פון זיי.

דער אידישער פויער האט מכבד געווען דעם גוי דעם מציל מיט א גוטען גרויסען כוס בראנפען. דער האט געטרונקען און זעיער הנאה גיהאט. דערביי האט דער אידישער פויער גיפרעגט ביי דעם גוי, לויט ווי איך זעה ביסט די דאך ארויס געקומען בעזונדער'ס מיך צו רעטען. ווי פאלסטו אויס צו וויסען וואס דא אין וואלד טוט זיך ארום 12 ביינאכט וואס די ביסט עפעס אינץ אנטקייגען געקומען, האט דער פויער גענטפערט. איך האב אייך געמוזט ארויסגיין ראטיווען לויט'ן בעפעהל פון בעלזער רבין, דער אידישער פויער קוקט אזוי אן דעם גוי. און פערשטייט נישט וואס ער רעדט, אין טראכט ביי זיך. די ביסט דאך א גוי, ווי קומסטו צום בעלזער רבין ? און אויך עס איז דאך שטארק ווייט פון דאנען דער בעלזער רבי , דער גוי האט פערשטאנען אז ביי דעם אידישען פויער קוקט די זאך אויס ווי איין רעטעניש. האט ער גיזאגט צו דעם איד. הער ! וועל איך דיר דערציילען וואס דא איז.

איך בין א מאל געווען א פוהרמאן ביי א פריץ. און גלייכצייטיג זיין שומר פון די פערד. האט אמאל פאסירט, דאס 2 די בעסטע פערד האט מען ארויסגיגנבעט פון שטאל. דאן האט מיך דער פריץ מיינער גילאזט געבען גוטע קעלף. און מיך גילאזט זעצען אין תפיסה, ווייל ער האט מיך חושד געווען דאס איך האב די פערד אליין גיגנבעט אין זיי פערקופט נאך א פאר חדשים זיצען האט מיך מיין פריץ בעפרייט. אין גיזאגט אז איך זאל זיכען אויף אלע מערק די פערד. און ער האט מיט מיר אומעדום מיט געשיקט פערשיעדענע עבדים זיי זאלן מיך היטען דאס איך זאל נישט אמאל אנטלופען. איך האב מיך זעיער נישט גוט געפילט, איך האב פערשטאנען אז ביטער וועט זיין מיין לעבען אויב איך וועל דארפען צוריק קומען אהן די פערד. איך האב אלע מאל גיהערט אידען רעדען וועגען זייער רבין פון בעלז, דאס ער האט אפענע רוח הקודש, און היות איך האב זיך געפונען אין די סביבה פון בעלז, האב איך גיבעטען מיינע שומרים זיי זאלען מיר ערלויבען צו מאכען א בעזוך ביי דעם ראבין. און זיי האבען מיר ערלויבט, בין איך אריין צום רבין און איך האב זיך פאר איהם צוווינט און איהם דערציילט דאס גאנצע

עסק, האט ער מיר גיענטפערט: אויב די פער־שפרעכסט מיר פייערליך, אז די וועסט זיין איין אוהב ישראל, געפונסטו די פערד אין משך פון 3 טאג. פערשטייט זיך אז איך האב מבטיח גיווען פארן רבין, אז אודאי וועל איך זיין איין אוהב ישראל. האט ער מיר גיהייסען פארען גלייך אוף א יריד אין א שטעטל, דארט זאל איך זיי זוכען, איך מיט די שומרים זענען מיר גלייך אוף צומארגענ׳ס דארט גיפאהרען. און אויפ׳ן דריטען טאג האבען זיי טאקי דערקענט די פערד אוף דעם יריד.

ווען איך בין צוריק געקומען צוזאמען מיט די שומרים, מיטברענגענדיג מיט זיך די פערד, האט מיין פריץ גיזעהען מיין גירעכטיג־קייט, האט איהם פערדראסען פארוואס ער האט מיך גיפייניגט אומזונסט. האט ער מיך דערפאר פריי גילאזט, און האט מיר צוגיגעבען נאך א פיינעם סכום געלד וואס דערפון האב איך זיך גיקויפט א פערד מיט א וואגען, און איך בין גיווארען א בעל עגלה. אין איך האב פיין מצליח גיווען, איך האב זיך שון גיקופט איין אייגען שטיקעל פעלד, מיט א פיינע הייזקע 2 פערד האב איך, און איך מאך א לעבן.

היינטיגע נאכט, האב איך זיך גילייגט שלאפען, איך שלאף אזוי פיין אין גישמאק, פלוצלינג זעה איך דעם בעלזער רבין, און ער זאגט מיר די האסט דאך מיר פערשפראכען דאס די וועסט זיין איין אוהב ישראל ? זיי וויסען זאגט ער צו מיר. אז נישט ווייט פון דיר אין וואלד, זינקען אין זומף עטליכע אידען הייב זיך שוין אויף אין לויף זיי ראטיווען! אבער איך בין דאך א פראסטער מענטש דערציילט אזוי אלץ דער גוי, עס איז קאלט האט זיך מיר נישט געגליסט ארויס צוקריכען פון בעט, און איך האב זיך גארנישט וויסענדיג גימאכט אין בין מיר ווייטער גישלאפען. אבער דער רבי לאזט מיך נישט, ער שרייט צו מיר פארוואס גייסטו נישט רעטען די אידען האלטען שלעכט, נאך א קליין שטיקעל צייט ווערן זיי דערטרונקען. האב איך איהם גיענטפערט. תיכף איך גיי באלד, און איך האב גענומען מיין צודעק און זיך גוט צוגידעקט און גענומען שלאפען, טראכטענדיג זיך נאך וואס דארף איך זיך פאלגען יעצט כדי צו ראטיווען אידען...

אבער דאן איז צו מיר געקומען נאכאמאל דער בעלזער רבי מיט א כעס. און מיך גענומען ביי מיינע האר שלעפען אז איך האב געפיהלט דאס איך בלייב אויפן ארט. און האט מיר צוגעזאגט, ביסטו דען שון בטוח אז וועסט שון נישט קיינמאל דארפען צו מיר ? דאן האב איך זיך גיך אנגעטאהן. אין בין מיט מיינע 2 טייערע פערד אין וואגען גענומען פאטשען אין וואלד, אין לויט אייער קול בין איך צו געקומען, און איך האב אייך גיראטיוועט.

דאן הט זיך דער אידישער פויער גוט צוויינט אין גיזאגט, יעצונד האב איך אין זיך געקריגען אמונת צדיקים, זעיענדיג ווי דער גוי רעדט אזוי וועגן דעם בעלזער רבין. אין האט אזא אמונה וואס ער איז אגוי? היינט ווי נאך א מאמין אין א צדיק דארף איך אל׳ס איד זיין. אין איצט פערשטיי איך שוין וואס דער בעלזער צדיק האט מיר גיזאגט. אז מען דארף זאגען וידוי, וואס א דאנק דעם האט דער גוי געוויסט צו קומען אינץ ראטיוען.

## דאס אויסגיבעטענע קינד

איוד אפערוויטיגטער, וואס איז שון אוועק אסאך יאהרן נאך די חתונה און האט נישט גיהאט קיין קינדער, איז אמאל געקומען צו ר' יעקעלע ראדזימינער זצלל"ה, און פאר איהם שטארק גיוויינט און גיבעטן דער רבי זאל מתפלל זיין, ער זאל האבן א קינד, האט ר' יעקעלע פיל נישט גיקלערט, נאר גיענטפערט אוב דו וועסט אוועק לייגען א פופף הונדערטער וועסטו האבן א בן זכר, איז דער איד אף גישפרינגען און האט גימאכט אגיוואלד, וואס? פון וואו פערמאג איך אזוי פיל צו געבן. ווען אפילו איך זאל שון מיין גאנץ פערמעג מיט מיין הייזקע מיט אלץ און אלץ פערקויפען, וועל איך מיר אוך נישט קענין צונאנד שטעלן מיין ווי 250 רובל, (אז איינער האט פערמאגט 100 רובל אין יענע צייטען האט ער שון גיהייסען א גביר) ר' יעקעלע האט גיענטפערט, זעיענדיג ווי יענער דונגט זיך אפשר 100 אדער 200 רובל, אפילו 499 רובל, איז אוך אשאדט יעדעס ווארט, עס וועט דיר גארנישט העלפען דאס קאסט גאנצע 500 רובל. האט ער זיך גיזעגנט מיט'ן רבין און איז אהיים גיפארען, ווי ער איז אהיים געקומען און דערציילט דאס זיין ווייב, האב איהם די פרוי גיזאגט און אז די האסט גיהערט 500 האסטו זיך נישט גיקענט דינגען? האסט גידארפען זאגען אז אינזער

גאנץ פערמעג טרעפט נישט אן אפילו קיין העלפט? רופט זיך צו איהר אן דער מאן, אודאי, מהסתם האב איך גיווארט אוף דיר. די מיינסט אז איך בין נישט אזוי קליג ווי די. איך האב זיך גדונגען און גיבעטן, אין איהם ערצעהלט דאס אינזער גאנץ פערמעג טרעפט נישט אן קיין גאנצע 200 רובל. אבער דער ענטפער איז גיווען עס איז א שאדט א רגע. און אווארט האסט 500 רובל איז גוט. אין אז נישט פאר מיר געזונטערהייט לחיים טובים ולשלום. אין האט מיך גיזעגנט און איך בין גבליבען שטיין אינטער די טיהר.

אוב אזוי האט זיך זיין פרוי אנגערופען, ווען מיר בלייבען זיצען און האפען צום רבש"ע. דער אייבישטער קען אוך העלפען. וואס קען איך דען טוהען? איך האב דאך נישט. שבת פאראנאכט זיצט זי אזוי מיט די שכנה אין רעדט. פרעגט איהר די שכנה דאכט מיר אז אייער מאן איז דאך גיפארען צום ראדזימינער רבין. נו וואס האט ער איהם גיענטפערט? דערציילט די פרוי פאר די שכנה. דעם גאנצען עסק. אין אז זי האט דאך נישט אין וואס קען זי טאהן? האט די שכנה איהר גענומען זידלען וואס פארא מענטש זענט איהר. וואס איז דען דאס גאנצע לעבן. וואס טוט מען דען נישט פאר א קינד? אוב מען קען זוכה זיין? איהר און אייער מאן דארפט זיך פשוט אנטאן טארבעס. אין גיין בעטלען און די הייזער, און מען שטעלט צונאנד דעם סכום, און מען ווערט גיהאלפען. אוב איהר האלט ערנסט זאגט די שכנה אלץ אזוי צו דער פרוי, פערקופט וואס איהר קענט. איך פערמאג 100 רוביל בארג איך ווי אייך, אין שטעלט אלץ צונאנד איהר ווערט מצליח זיין. ווען דער מאן איז אהיים געקומען פון ביהמד"ר האט די פרוי גענומען דערציילען דאס אלעס וואס די שכנה האט גיזאגט, הקיצור, עס איז ביי זיי גיווארען אגרוס התעוררות, אין זיי האבן בעשטעטיגט אז מארגען פערקופען זיי אלץ וואס זיי קענין, אין שטעלן צונאנד דעם סכום און מען וועט פארן צו ר' יעקעלע. אין משך פון די וואך האבן זיי מיט שווערע מיה צונאנד גישטעלט די 400 רובל. מיט די שכנות 100 איז גיוועזן 500 רובל אין דער אינגערמאן איז אוועק קיין ראדזאמין. זיך נאך גיפרובט עטוואס דונגען. אבר אן ערפאלג. ער האט אוועקגילייגט דעם גיבאטענעם סכום. און ר' יעקעלע האט מיט שטארקע הקפדה איבערגיציילט. צו עס איז טאקי דא 500 רוביל. יא עס שטימט דאן האט ר' יעקעלע צו געוואונשען דעם אינגערמאן, אין גיזאגט. איבער איאר אי"ה וועסטו האבן אוואיל געראטען אינגעלע צום לעבן. א"מ"ן האט דער אינגערמאן גיענטפערט. אין זיך גיזעגנט און צופרידענערייט אהיימגיפארן אינסטינקטיוו האט ער גיפילט. אין גיהאט 100 פראצענטיגע אמונה, אז בעשטימט וועט מקוים ווערן דעם הייליגען ראדזימינערס ווערטער.

פונקטליך צים יאר, איז ביי זיי גיבורען גיווארען א אינגעלע. פיין און שטארק גרינג האט זיך דאס אינגעלע גיהאדיוועט. גיהאט זייער אפיין קעפל, צו 4 יאר, האט ער שון גילערנט א שטיקעלע חומש. און ער איז אויסגעוואקסען גאר אפיין קינד. צו 16־17 יאר האט מען איהם שון גירעדט שידוכים, אין שטעטל האט מען איהם גיהאלטען פאר א שטיקעל גביר, לכן האט מען איהם גירעדט לייטישע שידוכים. און ענליך האט ער א שידוך געטאהן, אין האט צוגיזאגט געבן 300 רובל נדן, און דער צווייטער מחותן אנטקייגען גיט 3 פאכיג מעהר. אבער דער האט נישט קיין מזומנע אפילו 300 קאפיקעס. נו האט ער זיך גיטראכט. ביז צו די חתונה איז דאך נאך דא 6 חדשים היד ד' תקצר? דער רבש"ע קען דאך נאך ביז

דאן העלפען, אזוי האט זיך אבער געריקט א חודש פאר א חודש, אין דער זמן פון מסלק זיין דעם נדן איז שון לאנג אדורך, דאן האט דער מחותן פון די כלה'ס צייט, אנגיהויבען בעווארפן מיט בריוו, מחותן לעבן וואס וועט זיין? ער וויל שון נישט מיין ווארטען, עס איז שוין לאנג אדורך די צייט, און דווקא איז דאס גיוועזן אווארלער שידוך, און אגעוויסען טאג, איז אנגעקומען א בריוו, איין אולטמאטום, אוב ביז 2 וואכען מען וועט נישט איינלייגען דעם נדן אין אפשמיסען א זמן חתונה שיקט ער אף די תנאים און ער וועט זיך זעיען פריי פון דעם שידוך.

נישט גוט איז איהם גיווארען, און וואס קען ער דא טוהען עס איז נישט אזוי לייכט זיך אפצורייידען אזא סכום צובעקומען ערגיץ, ער איז גיווארן ווי צומישט, רופט זיך צו איהם אף זיין פרוי, הער מיין מאן! אבער שון טוא ווי איך הייס דוך, דער אינגעלע איז דאך דעם ראדזימינערס ביי ר' יעקעלע ועסטו בעקומען דיין הילף, פאר שון אריין, און זאל ער דיר געבן איין עצה, אגב דארפסט דאך איהם אוך איינלאדענען און בעטן אוף די חתונה, ביסט פאלקאם גירעכט, און נאך אינם זעלבן טאג מיט נעמענדיג דעם חתן, איז דער איד אוועק קיין ראדזימין

ווי ר' יעקעלע האט אוסגיהערט דאס צובראכענע געמיט פון דעם מחותן, פרעגט זיך אזוי ר' יעקעלע איבער, וויפיל דארפסטו דאס אזוי צו האבען? רופט זיך דער מחותן או, קודם כל 300 רובל צו סילוקן דעם נדן, אין א 100 רובל אוף אוסשטייער מיט חתונה הוצאות, איז לכה"פ צוזאמען 400 רובל, ביזט גירעכט רופט זיך ר' יעקעלע או, מען דארף זיכער האבען א 400 רובל, ובנתיים רופט ר' יעקעלע אריין זיין משמש, און זאגט איהם, אין צווייטען צימער אוף דעם דריטען באלקאן, ליגט א פעקעלע אקליין איינגיוויקלט און א טיכעל, האב נישט קיין פעראיבל ברענג עס מיר אריין, דער שמש אין ארגע ארום, בעוויזט זיך מיט אשמוציג קליין פעקעלע, און ר' יעקעלע עפנט דאס פעקעלע, אין ציילט איבער דארט ליגט 500 רובל, זעסט! דא האסטו 500 רוביל דאס איז דיין אייגען געלד, גידענקסט וואס די האסט מיר בעצאלט פארן אינגעלע גידענקסט נאך אפשר די באנקנאטען?

און דאס אינגעלע גיב איך דיר אוועק במתנה דער האט גענומען דאס פעקעלע געלד, אין איז גלייך אהיימגיפארן. גיסוליקט די 300 רובל, און א הונדערטער איז איהם אוועק אוף חתונה הוצאות, מיט דעם פונפטען הונדערטער האט ער גיהאנדעלט, וואס ער איז נאכהער גיווארען א גביר, אין אוסגיהאלטען זיין זוהן מיט 10 יאר קעסט, און דער זון איז טאג מיט נאכט גיזעסן און גילערנט תורה, און איז נאכהער בעוויסט גיווען, פון די גרויסע רבנים אוף דער וועלט...

און ער האט נאך גיזעיען אייניקלעך ביי דעם זון.

## וועגען הייליגען צדיק רבי ישראל זי"ע פון רוזין

דערציילט פון בוהושער רבין שליט"א הרב ר' יצחק פרידמן.

געווידמעט צו דער יאהרצייט **ג' מרחשוון**

תורה—תפלה אדער יסורים

**א חסיד האט זיך פערקלאגט פארן הייליגען רוזינער זצ"ל אז ער האט פיעל יסורים אזוי וויט** אז זיי זענען איהם מבטל פון תורה און תפלה. האט איהם דער הייליגער רוזינער גיענטפערט אז פון וואנען ווייסטו וואס איז וויכטיג מעהר

פאר דעם אייבערשטען — דיין תורה — תפלה, אדער דיינע יסורים.

### לייכטענדער פיהרער אין לעבען

א חסיד האט זיך פארטרויט פאר דעם הייליגען רבין ז"ל אז ער האט א שוואכקייט אין זיין טראכטען, חולשת הדעת; ווען ער איז עוסק אין לערנען, דאן פיהלט ער אז זיין נשמה לייכט אין איהם, און דאן פיהלט ער זיך זעהר גוט. און אז ער הערט אויף צו לערנען פיהלט ער אין זיך א גרויסע פינסטערניש!

האט איהם דער הייליגער רוזינער זצ"ל גיענטפערט מיט א משל:

איינער איז געגאנגען ביינאכט אין דער פינסטערניש און האט בעגעגענט אין וועג א צווייטען מיט א ברענענדען לאמף אין האנד וואס האט איהם בעגלייט אין וועג. און ווען ער האט אבגענויגט פון איהם אין וועג און איז געגאנגען אנדערש. דאן האט איהם ארומגענומען אשרעקליכע פינסטערניש. דעריבער איז גוט אז דער מענש האט די תורה אלס לייכטענדען פיהרער אין לעבען.

### א קשיא אויפן הייליגען רמב"ם ז"ל

א רב האט אמאל געפרעגט דעם הייליגען רוזינער זצ"ל; היתכן אויפן הייליגען רמב"ם צו זאגען אז דער בעריהמטער געלערנטער גוי אריסטו, האט מעהר דערגרייכט אין דער חכמה פון גלגלים אין הימעל ווי יחזקאל הנביא?

האט איהם דער הייליגער רוזינער געענטפערט אז דער הייליגער רמב"ם איז גירעכט און דערביי דערצעהלט דער רוזינער א משל פון צוויי מענשען א חכם און א שוטה וועלכע האבען צו דער זעלבער צייט בעקומען רעכט אויף אאוידענץ (אויפנאהם) ביים קעניג, אויף א פיערטעל שעה; און מען האט זיי דעריבער אריינגעלאזט אין פאלאץ פון קעניג. דער שוטה איז ערשטוינט געווען צו זעהן די שעהנע צייכנונגען אויף די ווענט און די שעהנע בעצירונגען און קעניגליכע קונסט מעבעל און די הערליכע כלי בית און די וואונדערבארע קונסט דיוואנען (שטיחים) און האט זיך שטארק איבעגענומען מיט די הערליכע קונסט בילדער וואס זענען געווען ארומגעהאנגען אויף די ווענט פון די גרויסע זאלען, און ער איז אזוי פארגאבט גישטאנען און בעוואונדערט די הערליכע שטיינער און די מעבעל וואס מען זעהט אזעלכעס נישט ביי דעם גרעסטען עושר אין שטאדט, און ער איז אזוי פערטראכט געווען די גאנצע צייט וואס דער קעניג האט איהם בעשטימט צום אודיענץ און איז דעריבער שוין נישט אריינגעקומען אין אויפנאהמס צימער פון קעניג. ווייל די פערטעל שעה וואס איז געווען בעשטימט איז שוין לאנג פערביי.

דאגעגען דער חכם איז די צייט געווען אונגעדולדיג און געווארט אויף די בעשטימטע פערטל שעה בכדי צו קענען זעהן דעם קעניג און רעדן מיט איהם און שעפען פארגענוגען פון דעם דער הויבענעם מאמענט פון רעדען בכבודו ובעצמו מיט דעם הויכגעשעצטען קעניג און זיין מיט איהם בעקאנט. בכדי א צווייט מאל אויך צו קענען אויפגענומען צו ווערען דורך דעם קעניג און אזוי ארום צו קענען זיין צו איהם נענטער. און ער וועט נישט פערשפעטיגען צו קוקען און בעטראכטען די שעהנע אייל בילדער שפעטער נאכען אודיענץ ביים קעניג און דאן קענען לאנגזאם בעטראכטען די שעהנע אויסגעצייכנטע און בעציהרטע זאלען אין קעניגליכען פאלאץ.

### א מיוחס

אין א געשפרעך מיט אייניגע חסידים האט דער הייליגער רוזינער זצ"ל ערקלערט אז א **מיוחס** הייסט נאר דער זוהן פון גרויסע צדיקים וואס געהט אין די וועגען פון זיינע עלטערן און איז עוסק אין יודישקייט. און האט דאס געגעבען צו פערשטעהן מיט אמשל א קעניג האט געבויט א

הערליכען פאלאץ און ביים ענדיגען דעם בנין ווען מען האט בעדארפען אנהויבען מאכען שיינע צייכנונגען און קונסט מאלערייען בכדי צו בעציהרען דעם פאלאץ האט דער קעניג איינגע־לאדען צו זיך פיער פון די בעסטע קונסטלער און האט צוו שען זיי איינגעטיילט די פיער ווענט פון יעדען צימער צו אלע פיער מאהלער אז יעדער זאל אויסמאהלען איין וואנד פון יעדען צימער דריי פון די מעהלער האבען זיך בעמיהט און זיך שטארק אנגעשטרענגט אויסצייכנענדיג מיט פערשידענע פאסענדע לעבענדיגע פארבען זייער קונסט ארבייט וואס דער קעניג האט אויף זיי בעפוילען און בכדי וואס מעהר נושא חן צו זיין ביים קעניג. און דער פיערטער מאהלער האט זיך געגעבען אזא עצה; ער האט אבגיפארבט יעדע וואנד זיינע מיט א שטארק העלע אייל־פארב און געמאכט אהאכגלאנץ אזוי אז די וואנט האט אבגעשפיגעלט די גאנצע שווערע בעמי־הונגען פון די אנדערע דריי מעהלער וועלכע האבען זייער ארבייט פערטיג גימאכט מיט גרויסע און שווערע אונשטרענגונגען און מאטערניש. און דאס האט מען געקענט אויך זעהן אין די פיערטע וואנד פון יעדען צימער כמעט אין דעם זעלבען שעהנעם פראכט און גלאנץ. און דער קעניג זעהענדיג דעם אויפטהו פון דעם פיערטען מאהלער, איז איהם זעהר גוט געפעלען גיווארען אין זיינע אויגען דער דאזיגר אוריגינאלען איינפאל.

אזוי איז אויך — אויב דער זוהן פון גרויסע צדיקים — לייטערט זיך שעהן און ווערט קלאר אין יודישקייט. דאן זעהט מען אין איהם די הערליכע שעהנע פארבען דאס הייסט די כחות פון זיינע עלטערן די צדיקים. און צו אזעלכען איז פאסענד דער נאמען „מיוחס״.

מוצאי שבת קודש נאך הבדלה

... און עס איז אויפגעשטאנען דער הייליגער רוזינער זצ״ל אין מוצאי שבת נאך דער הבדלה און אויפגעהויבען זיינע הענד אין דער הויך און געלויבט די צדיקים וואס זענען אויף יענער וועלט;

זעהר גרויס זענען די ערצעהלונגען פון צדיקים אויך די געווענליכע געשיכטען פון זייער לעבען און ווירקען אויף די וועלט, זיי שאפען קליידונג. ציהרונג און בעפיצונג. אויך זענען זיי זעהר געשמאק ווי טייערער וויין.

און א פאקט האבען מיר פון מעזריצער מגיד מיין זיידע. דער גרויסער רבי. זיין זכות זאל אונז בייטשען. ווען ער האט אנגעהויבען זיינע ערצעהלונגען וועלכע זענען אזוי זיס און גישמאק גיווען פאר דעם גאנצען עולם חסידים. די געשיכטע פון דעם דארפסמאן וואס איז גיפארן און גיקומען צו אונז. זיינע קראנקע קוה. עסען נישט און פאלען ארונטער פון זייער וואג. זיין שלעכטער שכן דער גוי סטעפאן איז איהם מצער זעהר שטארק און אזוי ווייטער א. א. וו. און אזוי דערצעלענדיג — זעצט ווייטער פאר דער הייליגער רוזינער — און האלט נאך זיינע הענד אין דער הויך. געציטערט האם דאס בעט פון זיידען דער מגיד. און דאס איז נישט געוועגליך צו זאגען — עס האט געציטערט און זיך זאגאר געוויגט און געוואקעלט און שטארק געציטערט און זיך געשאקעלט. — — —

זעהר גרויס זענען די ערצעהלונגען און סיפורים פון צדיקים אויך די געוועגליכע געשיכטען פון זייער לעבען און ווירקען אויף די וועלט, שאפען קליידונג און בעפיצונג, ציהרונג און בעפיצונג, און אויך מיט פיעל שפע און שענהייט בעדעקט.

# דער נודע ביהודה ראטעוועט די פראגער אידען פון זיכערן טויט

הרב ש. א. הערשקוביץ

אין די שטאט פראג איז געווען 5 גרויסע לעקעך בעקערייען, וואס זיי האבען גיהאט אפערטראג מיט די אידישע קהלה אין פראג, אז איסרו חג פסח באקען זיי א גרויסען גיבעק פון ברויט. לויט אלע פארשריפטען פון די אידישע דינים אין די אידען זענען געווען פערפליכטעט צו נוצען נאר דאס ברויט פון די 5 בעקערייען און דאס גאנצע יאהר האבען זיי די בעקער נאר גיבאקען זיסווארג און נישט קיין ברויט. און אזוי האט זיך דאס גיפיהרט יאהרען, די בעקערס זענען געווען אנטיסעמיטען, האבען זיך איינמאל די 5 בעקערס צונאנד געשמיעסט, אז זיי וועלען אריינטאהן סם אין די ברויט, כדי אזוי ערנאך אפסמען אלע אידען פון פראג, ווייל זיי האבען דאך געוואוסט אז אידען ניצען נישט אסרו חג, נאר זייער ברויט.

די ערשטע נאכט פסח ר' יחזקאל לאנדא זצלל"ה פראגער רב האט אפגירעכט שפעט ביינאכט דעם סדר, און ער האט זיך גילייגט שלאפען, האט מען איהם גלייך מודיע גיווען מן השמים, די מעשה מיט די בעקער'ס און אין וואס פארא סכנה פראגער אידען געפונען זיך.

דער בעל נודע ביהודה דער פראגער רב ר' יחזקאל לאנדא זצלל"ה, האט זיך מיישב

גיווען, ווי אזוי זאל ער טאהן עפענטליך אידען דאס דערציילען. וועלען די בעקערס נעמען די ברויטען און דאס ארייננווארפען אין ים, און מאכען אויף איהם א משפט אז ער בויקאטירט די בעקער'ס. און בעזונדער די קהלה האט דאך מיט די אפערטראג איז דערפאר ביי איהם פערבליבען צו שווייגען ביז דעם זיבענטען טאג פסח. שביעי של פסח האט מען לויטן רב'ס בעפעהל פערשלאסען אלע בתי כנסיות, און אלע אידען זענען בפקודת הרב געקומען דאווינען אין די גרויסע שטאט שול, ווי דער רב האט גידאווינט, מען האט די אלע טעג ביז שביעי של פסח גילאזט אויסרופען בגזירת הרב מען זאל גידענקען עס גייט אין נפשות, ווער עס וועט נישט קומען שביעי של פסח צום דאווינען, אין די גרויסע שול ביים רב, שביעי של פסח האט דער פראגער רב גיזאגט א פייערדיגע דרשה און האט גיזאגט: קינדער ! איך וועל אייך זאגען א נייעס, מתוך פלפולי, און פייער שאלות ותשובות אין פון מפרשים און פוסקים, קום איך ארויס אז מען מוז פסח האלטען נישט קיין אכט טאג, נאר 9 טאג. ד. ה. אייך דער איסרו חג איז נאך פסח, גידענקט אידען ! עס איז בנפשכם, ווער עס וועט חלילה עסען היינטיגען אסרו חג ברוט, וועט ער אין זעלבען טאג נאך שטארבען. גידענקט ! און האט גיבעטען יעדען מודיע צו זיין, כדי חלילה קיינער זאל נישט שטארבען, אלע גדולים און תלמידי חכמים פון פראג, האבען אלע מיט געשטימט מיט'ן פראגער רב ווייל ער האט זיי מיט א שעה בעפאר גיזאגט און וואס עס האנדעלט זיך, אוף אזוי ווייט אז עס איז קיין התנגדות נישט פארגעקומען און קיין איד ממש האט נישט גיוואגט צוקופען אין אסרו חג קיין ברויט.

די גוישע בעקערס האבען ארויסגישטעלט אין זייערע שויפענסטער'ס דאס ברויט, און זיי האבען גיהאפט דאס די אידען וועלען קומען, ווי אלע יאהר קופען ברוט, אבער קיין איד ממש האט נישט גיקופט זייער ברוט אויף צומארגענס איז שון יעדער גיגאנגען ווי אלע מאל קופען יעדער צו זיין אייגענעם בעקער האבען זיך די בעקערס גיטראפען מיט אידען, און זיי גיפרעגט פארוואס האט איהר נישט הייאר גיקופט ביי אינץ קיין ברויט ? דער רב האט גידארשנט אז פסח איז פון היינט אן 9 טאג, און דערפאר האט קיין איד נישט גיקופט קיין ברויט, איז גיווען זייער ענטפער.

האבען זיך די בעקערס צונאנד געגומען, און גילאזט מאכען א גיכען משפט, מען האט גערופען דעם פראגער רב מיט די פארשטעיער פון די אידישע קהלה, די בעקערס האבען פארן שופט געוויזען, ד'אס זיי האבען א קאנטראקט מיט אידען, אז דעם גיבעקס ברויט וואס זיי באקען בעזינדערס אף אויף אסרו חג פאר אידען, און אידען קופען דאס אלע יאר, שון איבער 10 יאהר ווי עס פיהרט זיך אזוי. און היינטיגעס יאהר אויך ווי אלע יאהר, האבען זיי אפגיבאקען פאר אידען, מיינענדיג דאס זיי וועלען קופען, אבער דער רב האט זיי גידארשנט אז פסח איז 9 טאג און דערפאר האבען זיי נישט ביי אינץ גיקופט די ברויט, און יעצט ווילען זיי האבען, אז דער רב זאל זיי בעצאהלען דעם הפסד וואס זיי האבען גיהאט, דער שופט האט גימאכט א חשבון, וויפיל יעדער בעקער האט שאדען גיהאט, איז ארויסגעקומען צוזאמען צוויי טויזענד מיט דריי הונדערט רייניש, עס איז גיווען א ריעזען סכום, און דער שופט האט גיפאסקענט אז דער רב דארף זיי בעצאהלען און דער רב קריגט די ברויט, מען האט אלע ברויטען גיברענגט אין בית המשפט, נעמט דער רב פון

יעדען בעקר א ברויט, און זאגט: **אדוני השופט!** איך וויל האבען פאר דיר אין די אויגען, זאל א הונט אדער איין אנדער **בעל חי** אויפעסען א שטיקעל ברויט. און אויב עס איז גוטע ברוט, וועל איך טאקי בעצאהלען.

ביטע זעיער, איז דעם שופט׳ס **ענטפער** גיוועזן, און באלד לויט׳ן שופטס **בעפעהל, האט** מען גיברענגט עטליכע הונט מיט **נאך פער־** שיעדענע בעלי חיים. מען האט זיי **גיגעבען** צו עסען צו שטיקלעך ברויט, **האבען זיך** די הונט גלייך פארן שופט אין די אויגען אויסגעצויגען טויט, זעסטו! **אדוני השופט!** זיי האבען גיוואלט אלע אידען פערסאמען. און דא האט שון **דער פראגער רב דערציילט** פאר׳ן שופט, די גאנצע זאך ווי **פסח ביינאכט** האט מען איהם **דאס מן השמים מגלה** גיוועזן. מען האט גילאזט אויף די ברוט א **דורך פיהרען**

א כעמישע אינטערזיכונג, **און עס האט זיך** אין די לאבוריטאריע ארויסגעוויזען, אז דעם גיפערליכסטען סם האט מען אין די **ברויט** אריינגיטאהן, פערשטייט זיך אז געשמידעט אין קייטען האט מען **די 5 בעקערס אוועק** געפיהרט, אין וועלכען **זייער משפט** איז **שון** אין 6 וואכען ארום פארגעקומען 3 פון זיי האבען געקריגען צו 15 **יאהר** שווערע **תפיסה,** 1 לעבענ׳ס לענגליכע תפיסה, און **איינער** טויט שטראף. פון דאן אן איז **ר׳ יחזקאל** לאנדא, **דער** פראגער **רב** אויך פערהייליגט גיווארען ביי די **גוים.** און זיין **ווארט איז אויך ביי** די רעגירונג גיוועזן **קודש.**

אידען זענען ניצול גיווארען פון זיכערן טויט. **און פון דאן אן איז א גרויסע** צייט גיוועזן א מנהג אין פראג, אז אידען האבען אסרו חג נישט גיגעסען קיין **חמץ.**

# דער גואישער זעלנער ביי אידישען סדר

מיט פיעל יאהרען צוריק האט דאס גיטראפען אין א דארף לעבן בערלין. האבען זיך געפונען 2 חברים איינער א גוי און איינער א איד. וועלכע האבען זיך זעיער ליעב גיהאט. משה האט דערציילט פאר זיין גואישען חבר, ווי אינטערעסאנט עס איז דאס די אידישע ימים טובים ביי אידען. און ווער רעדט נאך דער פסח. דאס איז גאר אלעבעדיגער יום טוב מען עסט מצות. אין די גויים חאלישען נאך א ברעגעלע מצה. מען עסט גישמאקע פיש וואס די גויים צוגייען פאר א אידיש גוט שטיקעל פיש. און יעצט מען טרינקט 4 כוסות גוטען רוטען וויין, אלץ ארטיקלען פאר וועלכען די ערלים גיבען אוועק זייער לעבן. אזוי אז דער גואישער חבר וואלט אלץ אין די וועלט גיטאהן. ער זאל קענען זיין באנאנד מיט זיין אידישען חבר ביי אזעלכע סעודות. אבער... משה האט פערשפראכען פייערליך זיין חבר. אז ווען דער רבש"ע וועט איהם העלפען ער וועט אמאל התונה האבען. אין ער וועט אליין אמאל זיין א בעל הבית פאר זיך. דאן וועט ער יעדעס מאל איינלאדענען דעם גואישען חבר אוף פסח צו זיך. משה מיט זיין חבר זענען ביידע גיבורען גיוועזן פון איין יאהר. און זעלבסטפערשטענדליך דאס די 2 חברים זענען גלייך אין איין צייט גישטאנען צו דעם מיליטער. און ביידען האט מען צוגענומען צו די דינסט און ביידע דינען און געפונען זיך אין איין ארמעע ביידע שרייבען צוזאמען בריוולעך צו זייערע עלטערן א. א. ז. וו. ליידער האט משה פיעל נישט גילערנט. און אוך זיינע עלטערן זענען גיוועזן ווייט פון צו זיין בני תורות. משה האט קאם קאם גיקענט עברי.

ווען עס איז אינטערגעקומען דער יום טוב פסח. האבען דאן אידען נישט בעקומען קיין חופש אהיים צופארען. אבער ביינאכט צום סדר און אוך אין די פריה אויף עטליכע שעה. האבען די זעלנער (חיילים) בעקומען חופש. יעדער אידישער זעלנער איז אוועק אין די גרויסע שול ווי די אידישע בעלי בתים האבען זיי אהיים גענומען צום אפ־רעכטען דעם סדר. און אויך אינדערפריה צו די סעודה. דא איז משה גיפאלען אויף איין המצאה. און ווענדעט זיך צו זיין חבר און זאגט איהם הער זיך צו מיין ידיד ! יעצט האסטו א געלעגענהייט צו זיין ביי א אידישען סדר. די קום מיט מיר צוזאמען אין שול. און עס וועט דיך אודאי א בעל הבית אהיים נעמען צום סדר. מיינענדיג אז די ביסט א איד. זאלסטו זיך גאר נישט וויסענדיג מאכען. אלע גויים אין אידען שפרעכען דאך דייטש.

אזויערנאך וועט מען דיך נישט דערקענען. אז די ביסט א גוי. און די וועסט עסען א סעודה פיש מיט פלייש. און דער עיקר. מצות מיט כוסות היין. און משה לערנט איהם אין גיט איהם איבער פיעל הנהגות, כדי ער זאל קענען די גאנצע זאך מיט מאכען גענוי.

משה מיט זיין חבר שטייען צוזאמען און זיי זאווינען כאלו. האט זיך דער גבאי צו זיי גיוואנדען. און זיי איינגעטיילט דער גייט צו דעם בעל הבית. און דער צו דעם בעל הבית. דער גוי איז אהיים צוזאמען מיט זיין בעל הבית. דער מאכט קידוש. און דער גוי מורמעלט מיט איהם אזוי צוזאמען אינטער און דער סדר פאנגט אהן דער גוי האט דאך נישט געוויסט פון קיין קונצים. און ער האט גימיינט אז גלייך פאנגט אן די סעודה. און ער נעמט שון קייען. אבער עס איז נישט ווי עס רעדט זיך מען וואשט זיך און מען עסט א שטיקעל ציבעלע, עה דאס איז נישט קיין גישעפט פארן גוי, אידען עסען ציבעלעס אבער נישט די גויים. נאכהער מוציא מצה. האט ער גימיינט שון אז איצט פאנגט שון אן די סעודה. צום סוף עס הייבט זיך נאך נישט אן. מרור ער קריגט א כזית מרור. און זיין בעל הבית הייסט איהם גוט צוקייען. ער ווערט שיעור דערשטיקט ער פלאצט אין טאנצט אויפען ארט. איך וועל שון מיין מאשקע דערפאר בעצאלען. ווי ער האט מיך דאס אריינגינארט. דאס זענען די גוטע סעודות ? ווייו מיט פיש פלייש א. א. ז. וו. ? בנתיים האלט מען אין איין זאגען די הגדה, ער עסט נאך אלץ נישט. ער טאנצט ער וואלט שון לאנג אנטלאפען. אבער איהם פאסט נישט. ער וועט נאך איבערווארטען עטוואס. עס האלט שון ביי כורך. מיינט ער אז יעצט הייבט זיך שון אן די גוטע סעודה. אבער ער הייבט אן עסען. ער ווערט שיעור דערשטיקט. ווייטער חאריין. דא קען ער זיך שון מעהר נישט איינהאלטען און ער ווערט אין כעס און שרייט אויס אך דונערוועטער פערפלוכטער יאדע. און לויפט ארויס. נאכהער ווען ער שמיעסט זיך צונאנד מיט זיין חבר, און ער דערציילט איהם די גאנצע מעשה. אה דאן צולאכט זיך משה. און זאגט איהם אי ! די גויאישע קאף. זעה האסט אלע שווערע צייטען דורכגימאכט. גיהאלטען אין איין זאגען (די הגדה). אויסגעהונגערט זיך. די גאנצע צייט. זיך גיוואשען. אין שון גיגעסען ציבעלעס. און אויך א שיינע דאזע מרור. ער האט שון אויך גיהאלטען אין מיטען כורך. ווען די וואלסט נאך געדולט, גיהאט. קימט דאך נאך מרור. שלחן ערוך. אין צום סוף ביים רעכטען אין גידעכטען ביסטו אנטלאפען. ביי אידיש־קייט טאר מען נישט כאפען. מען מוז מיט געדולד אלץ סובל זיין אין ליידען. פאר אידישקייט וסוף הכבוד לבוא.

# אליהו הנביא׳ס כוס

דער הייליגער אפטר רב, דער בעל אוהב ישראל זי״ע, האט דערציילט אמאל א מעשה אז עס איז געווען א חסיד א גרויסער נגיד, ער האט געהאט א פרוי אויך א גרויסע צדקת, האט זיך די פרוי אנגעזאמלט א שיינעם סכום געלד, און פאר פסח האט זי געקויפט א גרויסן הערליכן גאלדענעם בעכער, אז דאס זאל זיין נאר פאר אליהו-הנביא א כוס... זי האט נישט געלאזט קיינעם משמש זיין זיך מיט׳ן כוס, ווייל דאס איז בעשטימט נאר פאר אליהו הנביא׳ס כוס האט זי געזאגט,

אין משך פון א צייט, איז דער גביר געווארן א יורד, און נישט געהאט אויף קיין ברויט, און דא דערנענטערט זיך דער פסח מען האט שוין אלץ פערקויפט, נאר עס איז געבליבן

אליהו הנביא׳ס כוס, וואס זיין פרוי האט נישט באין אופן גילאזט פערקופען די גאנצע צייט, פאר פסח האט זיך דער מאן גיוואנדען צו די פרוי, זעסט דאך עס איז נישטא קיין עצה, מען מוז פערקופען דעם כוס כדי מען זאל האבן פסח צו מאכען אוף ווען, ווארסטטו? עס איז דאך שון ביינאכט פסח, אין עס איז אין שטוב נישט נאך דא קיין כזית, די פרוי האט זיך גיהאלטען ביי דאס איהריגע, עס איז נישט קיין כבוד פאר אליהו הנביא, איך זאל פערקופען זיין כוס, ער גיהער נישט אינץ דער כוס האט פעסט גיענטפערט די פרוי.

דער מאן זעיענדיג דאס, האט ער גענומען וועש און איז אוועק אין מקוה, אין פון דארט אין בית המדרש, אין איז שון גיוועזן ביז נאך מעריב, נאך מעריב קומט ער אהיים, אין גיט אקיק אין שטוב איז צוגיגרייט כיד המלך פון כל טוב אין דער וועלט, פרעגט ער די פרוי פון וואנין האסטו דאס אלעס גיהאט, דערציילט זי עם, די רגע ווי נאר ביסט אוועק אין מרחץ, איז אריין געקומען איין אנטשטענדיגער מענטש, זיין גישטאלט איז גיוועזן ווי א מלאך אלקים, אין גיבעטן דאס ער וויל זיין אוף פסח אינזער אורח, האב איך עם מיט טרערן גיענטפערט אז דאס איז ליידער נישט מעגליך, ווייל מיר האבן פאר זיך אליין נישט אנגיגרייט אוף פסח, ווייל מיר האבן קיין געלד נישט געהאט ענטפערט ער מיר, דאס איז ביי מיר נישט קיין מניעה, אין האט גיעפנט דעם טאש, אין ארוס גענומען בריווות געלד, אין מיר גיגעבן איך זאל אנגרייטען אפיינעם פסח, נישט בלוז פאר עם אלייך, נאר אוך פאר די גאנצע פאמיליע, אין אזוי האב איך גיטאן, ער האט גיזאגט דאס ער גייט אין בית המדרש, גיי אין שול אין ברענג עם אהיים...

דער חסיד האט זיך באלד גילאסט גיין אין אלע שולען, שטיבליך, אין מנינים פון גאנץ שטעטל אין גיזיכט דעם אורח, אבער ער האט עם נישט גיפינען ער האט אוף עם גיווארט ביז די האלבע נאכט, אין ער איז נישט געקומען, נישט האבנדיג קיין עצה, האט דער חסיד גענ מען אפרעכטען דעם סדר אן דעם אורח...

אז עס איז געקומען צו **שפוך חמתך אל הגוים** האט דעם חסיד אנגיכאפט א שרעקליכער שלאף, אין איז איינגידרעמלט, אין דעם מאמענט איז אריינגעקומען דער אורח...

האט דאס ווייב עם גענומען וועקען, זאגט דער אורח לאסט איהם אף, ווייל איך יאג זיך סייווי, מען ווארט אוף מיר אין דרוסען אין איז גיך ארוס, אין זיי האבן עם מיין נישט גיזעיען, אין א פאר יאר ארום, איז דער חסיד גישטארבען, האט מען פאר עם גיעפנט די טוערן פון גן עדן ער זאל אריין גיין, אבער ביי די טיהר דארט איז גישטאנען דער **אורח** (אליהו הנביא זל״ט) אין האט עם נישט גילאזט אריין גיין אין גן עדן... צוליב דעם וואס דער חסיד האט עם פערשעמט, אין האט גיפאדערט דאס זיין פרוי זאל פערקופען זיין כוס ... אין דער חסיד איז גישטאנען דארט ביי די טיהר פון גן עדן א פאר יאר, ביז זיין פרוי די צדקת איז גישטארבען, האט מען פאר איהר גיעפנט די טויערן פון גן עדן, דארט האט זי גיזעיען איהר מאן שטיין... הא! וואס איז דאס? וואס טיסטו דא! פרעגט זי איהר מאן... ער דערציילט איהר די גאנצע מעשה, האט די פרוי גיזאגט אוב מען וועט נישט אריין לאזען איהר מאן, וויל זי אוך נישט גייך אין גן עדן, איז גיווארען א רעש אין הימעל, אין מען האט באלד גיגעבן אוך דעם מאן רשות אריין צו גיין אין ג״ע, אין זיי זענין ביידע גלייך אריין אין גן עדן.